בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט



אײַערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואָס דאָ האָט זיך געטאָן (שיהר"ן ר"ט)

חנוכה תשפ"ד
גליון 168

# להדליק נר חנוכה



גרעסערע גליון
לכבוד חנוכה
א שיינעם סידי
'א טעם אין חנוכה'
א שיינעם שפיל
'ליכטיגע אלף-בית'

# דער ריינער קוואל

## דֶער קֶעניִג נֶעבְּן קְרַאנְקְן בֶּעט

די הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג קוּמֶען צוּ גֵיין. טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מֶען דַארְף ווִיסְן אַז דָאס יָאר גֵייט קוּמֶען אַ יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה וָואס אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען אַזָאנְס, מֶען מַאכְט טַאקֶע אַ בְּרָכָה שֶׁעָשָׂה נִסִּים לַאֲבוֹתֵינוּ בַּיָּמִים הָהֵם, בִּזְמַן הַזֶּה – הַיינְטִיגֶע צַייטְן!

דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס (תּוֹרָה קכ"ה חֵלֶק שֵׁנִי) אַז וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים, דַארְף מֶען דָאס טַייטְשְׁן אוֹיף אַן אוֹפָן אַז דִי אַלֶע מִלְחָמוֹת וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעבֶּעטְן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים רַאטֶעוֶוען – דָאס אַלֶעס דַארְף מֶען בֶּעטְן אוֹיף זִיךְ, אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן מַיינֶע פַּיינְט.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ בַּיי חֲנוּכָּה וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן דִי יְוָונִים מֵיינְט מֶען דִי יְוָונִים פוּן הַיינְטִיגְן דוֹר וֶועלְכֶע פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אוּן אוֹפַנִּים צוּ מְטַמֵּא זַיין, צוּ צוּבְּרֶעכְן אוּן אַרָאפְּווַארְפְן יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן אוּנְז.

וֶוען מֶען זִינְגְט דֶער נִיגוּן "יְוָונִים נִקְבְּצוּ עָלַי" דַארְף מֶען דָאס אוֹיסְטַייטְשְׁן אוֹיף זִיךְ, אַז דִי יְוָונִים הָאבְּן זִיךְ פַארְלֵייגְט "עָלַי" - אוֹיף מִיר, "חוֹמוֹת מִגְדָּלַי" - זֵיי בְּרֶעכְן זִיךְ אַרַיין אִין מַיין מֹחַ, אַז מַיין מֹחַ זָאל זַיין אָפֶען צוּ דִי גַאס אוּן חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען הִיטְן דִי מַחֲשָׁבוֹת.

אָבֶּער קֶעגְן זֵיי הָאבְּן מִיר הַיינְט כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים וָואס זֶענֶען לוֹחֵם פַאר אוּנְז דִי מִלְחָמָה, אוּן זֵיי זֶענֶען מַמְשִׁיךְ דִי קְדוּשָּׁה מִיט דִי הֶאָרָה פוּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוֹיף כְּלַל יִשְׂרָאֵל בִּכְלַל אוּן אוֹיף יֶעדְן אִיד בִּפְרַט. בַּיי זֵיי לִיגְט דִי הֵיילִיגֶע שֶׁמֶן וָואס דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי לִיכְטִיגְקֵייט אוּן דַעַת וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִינְגַאנְצְן רֵיין אָן קֵיין שׁוּם תַּעֲרֹבֶת פוּן קְרוּמֶע דֵעוֹת מִיט שְׁלֶעכְטֶע אִינְטֶערֶעסְן.

רַבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט אִין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מָשָׁל: עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער קֶעניִג וָואס הָאט גֶעוֶועלְטִיגְט אִיבֶּער גָאר אַסַאךְ מְדִינוֹת מִיט אַ שְׁטָאלְצְקַייט אוּן שְׁטַארְקֵייט. צוּ קֶענֶען אַרַיינְגֵיין צוּ דֶעם קֶעניִג הָאט מֶען גֶעדַארְפְט מַאכְן אַסַאךְ תַּחְבּוּלוֹת, מֶען הָאט גֶעדַארְפְט הָאבְּן גְרוֹיסֶע פְּרָאטֶעקְצִיֶע, אוּן נָאכְאַלְץ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְצוּקוּמֶען צוּ אִים. אַמָאל אִיז אֵיינֶער פוּן דִי נָאנְטֶע מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם קֶעניִג אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ שְׁוֶוערֶע קְרֶענְק, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען אַזוֹי קְרַאנְקֶערְהֵייט צוּם קֶעניִג'ס פַּאלַאץ, אָבֶּער דֶער קֶעניִג הָאט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעבֶּענְקְט אוּן גֶעוָואלְט זִיךְ זֶען מִיט אִים, אִיז



דֶער מֶלֶךְ מִיט זַיין גַאנְצֶע פַּמַלְיָא גֶעקוּמֶען צוּ גֵיין אִין זַיין שְׁטוּב אִים צוּ בַּאזוּכְן. מֶען קֶען אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין אִין וָואסְפַאַרַא מַצָּב דֶער קֶענִיג הָאט אִים גֶעטְרָאפְן, עֶר אִיז גֶעלֶעגְן אִין בֶּעט מִיט שְׁלָאף קְלֵיידֶער קְרַאנְק אוּן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי שְׁטוּב אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען רֵיין אוּן אוֹיפְגֶערוּמְט אַזוֹי וִוי עֶס פַּאסְט וֶוען מֶען נֶעמְט אוֹיף אַזַא גְרוֹיסְ'ן חָשׁוּבְ'ן גַאסְט.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז וֶוען דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען, אַז מֶען הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט זֶען מִיטְ'ן מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הָאט מֶען זִיךְ גֶעדַארְפְט מְטַהֵר זַיין סַיי דִי גוּף אוּן סַיי דִי נֶפֶשׁ אוּן אַזוֹי הָאט מֶען גֶעקֶענְט אָנְקוּמֶען צוּ הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה, אָבֶער הַיינְט וֶוען מֶען אִיז טִיף טִיף אִין גָלוּת סַיי בִּכְלָל אוּן סַיי יֶעדֶער אֵיינֶער בִּפְרַט, הָאבְן דִי חֲכָמִים ז"ל מְתַקֵּן גֶעוֶוען אַ יוֹם טוֹב אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע טִינְקֶעלֶע פִינְסְטֶערֶע גָלוּת, אוּן דֶער מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים קוּמְט אַרָאפּ צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן אוּנְז אוּן גִיט אוּנְז אַן הֶאָרַת פָּנִים. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט (תּוֹרָה ז' תִּנְיָנָא) אוֹיפְ'ן פָּסוּק: "יָאֵר הַשֵּׁם פָּנָיו אֵלֶיךָ וִיחֻנֶּךָּ", אַז דֶער אוֹיבֶערְשְׁטֶער זָאל בַּאשַׁיינֶען זַיין פָּנִים צוּ דִיר, "וִיחֻנֶּךָּ", מֵיינְט חֲנוּכָּה, וָואס דַאן קוּמְט דִי שְׁכִינָה אַרָאפּ גָאר נִידְרִיג אוּן עֶר גֶעפִינְט זִיךְ נָאנְט - מַמָּשׁ לֶעבְן אוּנְז.

נָאךְ אַ טַייטְשׁ שְׁרֵייבְּט רַבִּי נָתָן אַז "חֲנוּכָּה" מֵיינְט "חִנּוּךְ". אַזוֹי וִוי וֶוען אַ קְלֵיין קִינְד הֵייבְּט אָן צוּ רֶעדְן לֶערְנְט אִים זַיין טַאטֶע אוֹיס עֶר זָאל מַאכְן אַ בְּרָכָה, אָנְטוּן צִיצִית, אוּן נָאךְ אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה אִים צוּ מְחַנֵּךְ זַיין, אֲפִילוּ נָאךְ דֶעם וֶועט דָאס קִינְד זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן אוּן צוּרִיקְגֵיין צוּ זַיינֶע שְׁטוּתִים, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט זַיין טַאטֶע אוּן דֶער אוֹיבֶערְשְׁטֶער אַ גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ פוּן יֶעדֶע קְלֵיינֶע תְּנוּעָה וָואס עֶר פָּאלְגְט אִים. פוּנְקְט אַזוֹי אִיז בַּיי אַ דֶערְוַואקְסֶענֶער קִינְד אָדֶער אַ גֶרֶעסֶערֶער מֶענְטְשׁ, אַז אֲפִילוּ עֶר אִיז נָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּן בַּאשֶׁעפֶער עֶר וֶוערְט נָאךְ אָנְגֶערוּפְן אַ קְלֵיינֶער וַוייל זַיין מֹחַ לִיגְט אִין קַטְנוּת, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט דֶער אוֹיבֶערְשְׁטֶער אַ גְרוֹיס נַחַת רוּחַ פוּן יֶעדְן קְלֵיינֶע תְּנוּעָה וָואס עֶר טוּט, אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר טַייעֶר בַּיים אוֹיבֶערְשְׁטְן, וַוייל אַזוֹי וֶוערְט מֶען מְחֻנָּךְ צוּ וֶועלְן טוּן נָאךְ אוּן נָאךְ גוּטֶע זַאכְן, אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט דִי קְלֵיינִיקֵייטְן אוּן מֶען דַאנְקְט דֶעם אוֹיבֶערְשְׁטְן, קֶען מֶען שְׁפֶּעטֶער בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער זִיךְ צוּ קֶענֶען הַאלְטְן אוֹיף וַוייטֶער. דָאס אִיז אַלֶעס מִיטְ'ן כֹּחַ פוּן חֲנוּכָּה.

דֶער אוֹיבֶערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין, צוּ בַּאלֶעבְן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג מִיט קְדוּשָּׁה אוּן שִׂמְחָה, מִיט אַ נַייֶע חִנּוּךְ אוּן הִתְקָרְבוּת צוּם אוֹיבֶערְשְׁטְן, אוּן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אַרַיינְצוּנֶעמֶען אִין אוּנְז דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי לִיכְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. אוּן בְּקָרוֹב זוֹכֶה זַיין צוּ דִי לִיכְט פוּן מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ, אָמֵן.

# מיין מעשה'לע



## אַ צֶעשְׁטִיקְלְטֶע מְנוֹרָה

מַזָל טוֹב! מַיין שְׁוֶועסְטֶער אִיז אִין אַ גוּטֶע שָׁעָה אַ כַּלָּה גֶעוָוארְן. אִין הוֹיז אִיז לוּסְטִיג אוּן לֶעבֶּעדִיג. יֶעדֶער וָואס הָאט שׁוֹין אַמָאל גֶעהַאט אַ חָתָן אָדֶער כַּלָּה אִין שְׁטוּבּ וַוייסְט אַז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ דְרֵייט זִיךְ אַרוּם דִי שִׂמְחָה.

”הָאסְט גֶעטְרָאפְן דֶער חָתָן...? וָואס הָאט עֶר גֶעזָאגְט...?”

אוּן זִיכֶער אִיז דִי הוֹיפְּט טֶעמֶע אִיבֶּער דֶער נוֹשֵׂא פוּן מַתָּנוֹת. יֶעדֶער מְחוּתָּן ווִיל גֶעבְּן פוּן שֶׁענְסְטְן אוּן בֶּעסְטְן אָבֶּער מֶען מוּז צוּמָאל אַיינְהַאלְטְן דִי לֵייצֶעס. דֶער רֶבִּי אִיז דָאךְ שְׁטַארְק גֶעוֶוען קֶעגְן מַאכְן חוֹבוֹת.

בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ הָאט דֶער לוּחַ גֶעווִיזְן אַז חֲנוּכָּה דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ שׁוֹין. מֶען ווִיל קוֹיפְן אַ מְנוֹרָה פַאר'ן חָתָן. וָואס אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם? אִין דִי גֶעשֶׁעפְטְן זֶענֶען אוֹיסְגֶעלֵייגְט הֶערְלִיכֶע מְנוֹרוֹת אוֹיף דִי גְלָאזֶערְנֶע פָּאלִיצֶעס, אָבֶּער דָאס צוּ דֶערְגְרֵייכְן אִיז זֵייעֶר וַוייט. מֶען דַארְף אַ פֶּעקְל מִיט גֶעלְט. גֶעלְט? נִישְׁט מַמָּשׁ. מִיר וַוייסְן שׁוֹין אַז נִישְׁט דָאס גֶעלְט אִיז דֶער זַאךְ, נָאר תְּפִלָּה. וֶוען אֵיינֶער פְרֶעגְט מַיין טַאטֶע, ”ווִיפִיל הָאט דָאס גֶעקָאסְט?” עֶנְטְפֶערְט עֶר, ”אַ פֶּעקְל תְּפִלּוֹת...”

מִיר אַלֶע, אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי כַּלָּה הָאבְּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַז מַיין טַאטֶע זָאל קֶענֶען גֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע מְנוֹרָה פַאר'ן חָתָן. אוּן אִיבֶּער אַלֶעם הָאבְּן מִיר זִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְלָאזְט אוֹיפְ'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז נָאר עֶר גֶעבְּט מְנוֹרוֹת, נִישְׁט דִי בֶּערְזְל אוּן נִישְׁט קַיין צְוֵויטֶער.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן פַארְמָאגְט אַן אַלְטֶער זִילְבֶּערְנֶעם שְׁטִיקְל וָואס זֵיי הָאבְּן שׁוֹין לַאנְג גֶערֶעכְנְט צוּ פַארְקוֹיפְן. יֶעצְט הָאבְּן זֵיי עֶס אַפִּירְגֶענוּמֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען צוּם זִילְבֶּער גֶעשֶׁעפְט צוּ אַיינְטוֹישְׁן פַאר אַ חָתָן מְנוֹרָה. דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר גֶעוֶוען אַז דֶער זִילְבֶּער שְׁטִיקְל הָאט נָאר גֶעדֶעקְט הַאלְבּ פוּן דִי קָאסְטְן. אַ חָתָן מְנוֹרָה אִיז נִישְׁט קַיין בִּילִיגֶע מַעֲשֶׂה.



דֶער פַארְקוֹיפֶער קוּקְט אִיבֶּער דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת, דְרֵייט אַהֶער אוּן אַהִין, פְרֶעגְט עֶטְלִיכֶע פְרַאגְן אוּן קוּמְט צוּ דֶער מַסְקָנָה אַז דִי כַּלָּה קֶען נֶעמֶען דִי הֶערְלִיכֶע חָתָן מְנוֹרָה אָן צוּ דַארְפְן צוּצָאלְן גֶעלְט. פַארְוָואס הָאט עֶר דָאס גֶעטוּן? עֶר קֶען אוּנְז נִישְׁט, עֶר וַוייסְט נִישְׁט וֶוער מִיר זֶענֶען, נָאר אַז אַ הִימְלִישֶׁע הַשְׁגָּחָה הָאט אִים דִיקְטִירְט אֶוֶועקְצוּגֶעבְּן אַ מְנוֹרָה פַאר חֲצִי בְּחִנָּם.



חנוכה תשכ״ד – תשפ״ד

## ״א קליין ליכטל קען צומאל אנצינדן א גרויסער פייער...״

ר׳ גדליה פליער ז״ל איז געווען א צוועלף יעריגער אינגל, ווען די השגחה העליונה האט צוגעפירט ער זאל באקומען אלס רבי פאר לימודי קודש דעם חסיד ר׳ צבי אריה ראזנפעלד ז״ל. גדליה, אזוי ווי זיינע חברים האט אויסגעזען אזוי ווי נאך א אמעריקאנער בוי. ליידער איז די אידישקייט אין אמעריקע געווען אזוי נידריג און שוואך אז די קינדער זענען אויפגעוואקסן אן קיין מינימאלישע ידיעות אין אידישקייט. ר׳ צבי אריה האט גענומען אויף זיך א פליכט אריינצוגעבן אין די קינדער תורה און יראת שמים וויפיל ער קען נאר. ער האט גערעדט מיט זיי אז ס׳איז דא א באשעפער אויף די וועלט, און אויף יעדע זאך וואס מען טוט וועט מען דארפן געבן דין וחשבון, אזוי צוביסלעך האט ער

# זעכציג יאר פון די נסיעה פון די ערשטע קבוצה חסידים צום הייליג׳ן רבי׳נס ציון אונטערן אייזערענעם פארהאנג

אריינגעטראפט אין די יונגע ביימעלעך אמונה אין באשעפער.

אין איינע פון די טעג האט ער אויפגעקלערט פאר די קינדער אז כדי צו זיין א איד דארף מען מקיים זיין אלע תרי״ג מצות, אויף א מצוה באקומט מען שכר אין גן עדן און פארקערט פאר א עבירה איז דא גהנום... די קינדער האבן זיך ממש דערשראקן, אזוי פיל זאכן דארף מען מקיים זיין און אויב נישט וועט זיין ביטער...?! איינער פון די קינדער איז אויפגעקומען מיט אן עמהארצ׳ישע שאלה: ״וואס קען מען טון אויב מען קען נישט מאכן אזוי סאך מצות, ווי קען מען דאך ניצול ווערן פון גהנום...?

ר׳ צבי אריה איז נישט דערשראקן געווארן, ער האט געזאגט פאר די קינדער אז די מצוות זענען א זכיה פאר איד צו מקיים זיין, אבער אויב ליידער איינער איז דאך געבליבן ווייט, קען אמאל זיין אז אויב ער ווערט חס ושלום גע׳הרג׳ט אויף קידוש ה׳ ווערט ער ניצול פון גהנום. אוי, דאס האבן די קינדער שוין נישט געוואלט הערן... האט זיי דער רבי געזאגט אז ס׳איז פאראן נאך אן אויסוועג, אויב מען איז זוכה צו קומען אויפן ציון פונעם הייליגן צדיק ר׳ נחמן מברסלב אין אומאן, וואס ער האט צוגעזאגט אז ער וועט ארויסשלעפן פון שאול תחתיות ווער עס וועט קומען צו אים...

די קינדער זענען געווארן מורא'דיג איבערראשט, אזא גרינגע עצה... ווי אזוי קומט מען אן צום הייליגן ציון??? אבער ר' צבי אריה האט זיי ערקלערט אז היינט איז אוממעגליך דארט צו קומען ווייל די רוסן לאזן נישט אריין אין זייער לאנד, "אבער זאלט איר וויסן," האט ער פארגעזעצט, "די מצוות פון די תורה איז זייער א גוטע זאך פאר א איד, עס איז פאר אונזער טובה." ער האט זיי דערציילט אז ער ווייסט פון אידן וואס נאכדעם וואס זיי האבן זוכה געווען צו קומען צו אט דעם ציון האבן זיי נאר בעסער געהיט די תורה און מצות....

די טעג זענען אדורכגעלאפן די קינדער האבן שוין לאנג פארגעסן פון די גאנצע מעשה, אבער גדליה האט נישט פארגעסן. די ווערטער פון זיין רבי'ן האבן אנגעצונדן אין זיין הארץ א שטארקע ווילן, ער וויל אנקומען צום ציון פון גרויסן צדיק ר' נחמן מברסלב!!! זאל זיין וואס זאל נאר זיין!!! עס איז דא אזא הבטחה, ווי קען זיין אז אלע לויפן נישט איבער ימים און מדבריות אנצוקומען צו דארט? אזוי איז ער אויפגעוואקסן, געלערנט שפעטער אין ליטווישע ישיבות, זיין הבנה אין אידישקייט ווערט אסאך גרעסער, ער האט שוין געלערנט אביסל דעם רבינ'ס ספרים, ער טרעפט זיך צוויי גוטע חברים וואס שטארקן זיך צוזאמען מיטן רבינ'ס וועג, איינער איז ר' לייבל בערגער ז"ל, און דער צווייטער ר' משה יעקב אייזנמעסער ז"ל.



אלס בחור איז ער געקומען קיין אין ארץ ישראל מיט זיינע חברים. דארט האט ער באקומען אסאך חיזוק פאר זיינע רצונות פון הרה"ח ר' הערש לייב ליפל ז"ל וואס האט אים געגעבן א שטופ אז ס'איז דא אייביג א האפענונג צו גרייכן דעם הייליגן ציון כאטש עס זעט אויס אז ס'קען נישט זיין.

אין יענע צייט, פאר זעכציג יאר צוריק איז רוסלאנד געווען פאשפארט און פארמאכט, מען קען נישט אריינקומען און נישט ארויס. די קאמוניסטן האבן געהערשט מיט זייערע ביטערע גזירות וואס האבן אויסגעמעקט יעדע פינטל אידישקייט. ווער עס האט זיך געוואגט צו מקיים זיין מצוות האט מען געקענט כאפן אין די באוואוסטע שרעקעדיגע רוסישע טורמעס, וואס מען קען נישט אפשרייבן אויפ'ן פאפיר, די אלע שרעקליכע יסורים מיט וואס זיי האבן אויסגעפייניגט ווער עס איז נאר אריינגעפאלן אין זייערע הענט. אנדערע זענען פארשיקט געווארן אין די פארפרוירענע סיביר צו ארבעטן פון צופרי ביז ביינאכט אין די גרעסטע פראסטן. די קעי-דזשי-בי, באהאלטענע פאליציי פון רוסלאנד, האבן געלאקערט ווער עס האט נאך יא פראבירט היטן אידישקייט. אין יעדע האטעל וואו עס האבן זיך אויפגעהאלטן טוריסטן איז געווען אונטערהערונג'ס

מאשינען צו אונטערהערן אויב איינער וואגט זיך צו רעדן קעגן דאס לאנד. די רוסישע אגענטן פלעגן נאכגיין יעדער מענטש וואס האט נאר געהאט סיי וועלכע אידישע צורה. דאס לעבן אין רוסלאנד איז געווען אומדערטרעגליך, באגלייט מיט מורא און ציטער. ביי יעדע טריט האט מען געמיינט אז איינער גייט מיר נאך...

ווען ר' גדליה האט דערציילט פאר די חסידים אין שול מאה שערים אז ער וויל פארן קיין אומאן, האבן זיי אים אנגעקוקט אזוי ווי איינער וואס איז געפאלן אויפן קאפ... בפרט די חסידים וואס זענען גראטעוועט געווארן פון רוסלאנד קוים מיטן לעצטן אטעם. זיי האבן אים שטרענג אנגעזאגט אז ער איז א מאבד עצמו לדעת, ווייל אין רוסלאנד קענען זיי טון מיט דיר וואס זיי ווילן און קיינער וועט דיר נישט קענען העלפן....

דאך האט ר' גדליה נישט אפגעלאזט זיין הייליגן ווילן און האט מיטן אויבערשט'נס הילף דורכגעבראכן אלע שווערע מניעות ביז ער האט זוכה געווען צו פארן פיר מאל קיין אומאן!!! די ערשטע מאל נאר ביזן מארק נעבן דער בית החיים פון אומאן. דארטן האט מען אים געכאפט און צוריק פארשיקט צו זיין האטעל קיין קיעוו. די צווייטע מאל האט ער זוכה געווען צו זיין ביים הויף פון ציון הקדוש, געזאגט די צען קאפיטלעך תהילים צוזאמען מיט הרה"ח ר' מיכל דארפמאן ז"ל וועלכער האט געהאט מסירות נפש אים צו ברענגען און ווייזן דעם ארט. ר' מיכל האט נאך דאן געוואוינט אין רוסלאנד און האט איינגעשטעלט זיין לעבן אין געפאר כדי צו באגלייטן ר' גדליה. ער איז שוין געזעצן צוויי יאר אין טורמע און נאך פיר און א האלב יאר אין סיביר... ער האט זיך ממש מוסר נפש געווען נאר ווייל ער האט געהערט פון ר' גדליה אז ר' לוי יצחק בענדער ז"ל און ר' אליהו חיים ראזין ז"ל האבן געזאגט אז אויב איינער וועט קומען צום ציון וועט עס עפענען א וועג פאר נאך אידן זאלן קענען אנקומען. דאס איז געווען א שטארקע הבטחה אויף וואס ר' מעכל האט נישט געוואלט מוותר זיין.

די דריטע מאל איז געווען א נס חנוכה, ווייניגער ווי א יאר נאכן צוריק קומען פון רבינ'ס ציון דאס צווייטע מאל, איז פלוצלונג געעפנט געווארן א לעגאלע וועג חוץ לדרך הטבע, וואס א גאנצע חבורה פון חסידים האבן זוכה געווען צו קומען צום ערשטן מאל צום הייליגן ציון, ווען זיי קומען אן דארט מיט די הילף פון די רוסן אליין מיט גרויס כבוד....

אזוי ווי ר' גדליה האט דערציילט:

ווען איך בין צוריק געקומען פון די צווייטע נסיעה צום ציון פון רבי'ן ז"ל, כאטש איך בין געווארן רייך אין רוחניות - כ'האב באקומען א האפענונג צו קריגן א תיקון פאר מיין נשמה און א תכלית פאר מיין לעבן, איז אבער מיין פרנסה געגאנגען בארג אראפ... מען האט מיר אפגעזאגט פון מיין ארבעט נאכן פעלן א לענגערע צייט, אזוי אויך האב איך נאך געהאט חובות פון די גרויסע געלטער פון די הוצאות פוןביידע נסיעות, אז איך האב זיך געטראפן נאכן צוריק קומען

און קיין ארבעט און און קיין געלט....

אין איינע פון די טעג בין איך געגאנגען צו ישיבה תורה ודעת וואו איך האב געלערנט אלס בחור, ווייל איך האב געהערט אז איינער דארט קען מיר העלפן צו באקומען א גוטן פאסטן פון מלומדות ערגעץ וואו, האב איך דארט געוועגדעט מיינע טריט, יענעם האב איך נישט געטראפן, כ'האב אבער יא געטראפן דארט ר' חיים אורי ליפשיץ ז"ל וועלכער האט דארט געארבעט, אונז האבן זיך גוט געקענט, האט ער מיר געפרעגט:

"ס'איז ריכטיג די שמועות וואס מען האט געהערט אויף דיר אז דו ביסט געפארן קיין רוסלאנד?"

"יא!"

"וואס האסטו צו זוכן אין רוסלאנד?" האט ער מיר געפרעגט פארוואונדערט.

"איך האב געוואלט זוכה זיין צו קומען צום ציון פון הרה"ק ר' נחמן מברסלב," איז געווען מיין גלאטער ענטפער.

"זאלסט וויסן," האט ער מיר ווייטער געזאגט, "אז ס'איז דא איד מיטן נאמען ר' צבי ברונשטיין ז"ל וואס פארט כסדר קיין רוסלאנד און טוט דארט אויף פאר אידישקייט. דער איד האלט אין איין פארן קיין רוסלאנד און ברענגט אריבער דארט תשמישי קדושה און אזוי ווי ער איז א מוהל, מל'עט ער יעדע מאל פיל אידישע אינגלעך, בעיבים און גרעסערע קינדער אז זיי זאלן ח"ו נישט ווערן פארוואלגערט און אויסגעמישט צווישן די גוים. ער האט מיר פארציילט אז ער ווייסט אז דו ביסט געפארן קיין רוסלאנד און האט מיר געבעטן איך זאל דיר איבערגעבן אז ער וויל זיך טרעפן מיט דיר."

"נו נו, איך בין גרייט צו רעדן מיט אים," האב איך געענטפערט עפעס אזוי קאלט. די זאך וואלט זיך געקענט ענדיגן דא, עס קען צומאל נעמען חדשים און יארן פון ווען איינער הערט אז א צווייטער וויל רעדן מיט אים ביז ווען עס קומט ארויס למעשה... אבער דא האט די השגחה עליונה צוגעפירט א וואונדערליכע זאך, אין יענע מינוט האט זיך דער טעלעפאן צוקלינגען. ווער קען דאס זיין? נישט קיין אנדערער ווי ר' צבי בורנשטיין... ער אליין, בכבודו ועצמו!!! איך האב געפילט ווי עפעס פירט זיך ארום מיר פון הימל א זאך.

איך האב איבערגענומען דעם טעלעפאן. ר' צבי האט זיך אינטערעסירט אין מיין נסיעה און האט מיר געזאגט אז א שאד איך האב נישט גערעדט צו אים איידער איך בין ארויסגעפארן ווייל ער וואלט מיר געקענט ערלעדיגן א מסודר'דיגע לעגאלע וועג און דערווייל וואלט איך געקענט נעמען א חלק אין זיין הייליגע ארבעט אין רוסלאנד. איך האב נישט געקענט גלייבן אז ס'איז ריכטיג וואס ער זאגט, עס האט מיר אויסגעזען א גרויסע פאנטאזיע די גאנצע מעשה. כ'האב אים געזאגט, "נו, אויב דו קענסט אזוי גוט, האב איך נאך אסאך חברים וואס ווילן פארן."

"דאס קען מען שוין נישט רעדן אויפן טעלעפאן..." האט ער מיר געזאגט שטיל. "קום אראפ צו מיר מיר האבן וואס צו רעדן."

אזוי האב איך זיך געטראפן זיצן ביי אים

אינאיינעם מיט ר׳ צבי אריה רוזנפעלד. ר׳ צבי האט אונז מיטגעטיילט זיין אויפטוה אין רוסלאנד, ווי אזוי ער קומט אן צו פארוקטע לעכער און באהאלטענע שולן און מל׳עט אידישע קינדער מיט מסירות נפש, ווען ער ערקלערט אונז אז דאס אלעס קען ער טון נאר ווייל ער האט א נאנטער חבר מיטן נאמען גבריאל ריינער, וואס האט געהאט א הויכן פאסטן אין די אמעריקאנער עף-בי-איי (די באהאלטענע פאליציי אין אמעריקע), אזוי אז ער האט גוטע באקאנטשאפטן מיטן פרעזידענט פון רוסלאנד, אזוי ווייט אז ער האט געמאכט מיטן אים אן אפמאך צו געבן א ערלויבעניש פאר ווער עס וויל קומען דורך זיין קאמפאני קיין רוסלאנד, אזוי אז אויב איר ווילט בעטן וויזעס פאר א קבוצה אידן קענט איר רעדן מיט מיין חבר. אבער...״ זאגט ער ווייטער, ווען איך שטיי דארט געשפאנט, ״די פרייז איז זייער טייער, פאר יעדע וויזע טויזנט פינף הונדערט דאלער פער מענטש!״

״ס׳איז אסאך, אבער וואס טוט מען נישט פארן רבינ׳ס אומאן?״

פון דא איז שוין דאס רעדל געפארן שנעלער ווי געראכטן! דער חבר, גבריאל האט צוגעשטימט, און ר׳ גדליה האט גענומען זוכן ווער עס וויל פארן. דער קליין ציבור אין ברסלב׳ער קלויז האבן נישט געגלויבט וואס ער רעדט, זיי האבן געטראכט אז ס׳איז סתם דמיונות. אלע האבן אים געענטפערט דער זעלבער לאגישער ענטפער, אז זיי ווילן זען וואס ס׳גייט פאסירן מיט די ערשטע גרופע, אויב ס׳וועט גיין גוט וועלן זיי קומען די קומענדיגע מאל.

איינער איז געווען וואס האט זיך באלד אנגערופן אז ער וויל פארן, דאס איז געווען ר׳ הערשל רייכמאן ז״ל. ער איז געווען אביסל א פארמעגליכער איד, ער איז אראפגעקומען צו ר׳ צבי אריה אין שטוב אפגעשריבן א טשעק פון די גאנצע סומע געלט און געווארט פשוט מיט א תמימות אויף דער נסיעה.

פון די תלמידים פון ר׳ צבי אריה ראזנפעלד האבן זיך צאמגעליבן אסאך וואס האבן געוואלט פארן, אבער מיט יעדן טאג וואס איז אריבער האט זיך געשטארקט די פחדים - אפשר איז דאס א מיאוס׳ע רוסישע שטיקל און זיי גייען זיך טרעפן זיצן אין די רוסישע טורמעס חס ושלום, אזוי אז צוביסלעך האבן זיך מער און מער באטייליגטע אפגעטראגן און מבטל געווען זייער באטייליגונג אין די נסיעה. אזוי אויך איז די שווערע געלטער וואס די נסיעה האט אפגעקאסט געווען אן ערנסטע מניעה.

צום סוף זענען געבליבן צען אידן וועלכע זענען געווען גרייט צו איינשטעלן: ר׳ צבי אריה ראזנפעלד, ר׳ משה ראזען מיט זיין ב״ב, ר׳ גדליה פליער און זיין שוועסטער מיט זיין ב״ב, נאך א איד מיטן נאמען ר׳ מאיר קאלמענאוויטש, ר׳ לייבל בערגער מיט זיין ב״ב וועלכע האבן אויך מיטגענומען זייער קליין אינגעלע וואס איז געווען נאך פאר דריי יאר, און נאך איינער, אזוי האט זיך צאמגעשטעלט די ערשטע חבורה וואס פארן ארויס פון אמעריקע צום הייליגן רבינ׳ס ציון.

דער פליגער איז ארויסגעפלויגן פון ניו יארק קיין פאריז. אנקומענדיג אין פאריזער לופט פעלד הערן זיי אז דער פליגער קיין מאסקעווע איז שוין ארויס געפלויגן פאר א שעה צוריק! דער עולם האט אנגעהויבן צו זארגן, דער קומענדיגער פליגער פארט ארויס נאר נאך צוויי טעג, ביז דאן גייט שוין אריבער די דאטום וואס איז געשטאנען אויף די וויזע!

מיטן אויבערשטנ׳ס הילף איז געלונגען צו מסדר זיין די וויזעס און די חבורה איז געגאנגען איבערנעכטיגן אין א פראנצויזישער האטעל אין פאריז.

אלע האבן זיך געדרייט באזארגט, עפעס שפרייזט נישט געהעריג די וועג... אבער איך בין געווען זייער רואיג איך האב שוין געוואוסט אז ביי די הייליגע נסיעות צום צדיק איז דא אן א שיעור מניעות פון אלע זייטן, אזוי ווי איך האב שוין מיטגעמאכט אין די פריערדיגע נסיעות, בפרט יעצט אז די נסיעה איז געווען ביי מיר א מורא׳דיגער וואונדער אז קוים צוויי חדשים נאכן צוריק קומען פון די נסיעה וואו איך האב זוכה געווען צו זיין ביים ציון הקדוש האט זיך פלוצלינג געמאכט אזא אומשטייגערליכער וועג פאר א גאנצע גרופע...

נאך צוויי טעג זענען מיר אנגעקומען קיין מאסקאווע. גלייך פון דארט זענען מיר געפארן קיין קיעוו. די גאנצע נאכט האבן מיר נישט געקענט צומאכן קיין אויג פון גרויס איבערראשונג אז מיר שטייען שוין אזוי נאנט צום ארט וואס אזוי פיל אידן האפן און בענקען דארטן צו קומען.

נאכ׳ן נעכטיגן אין קיעוו האט מען אונז גלייך אינדערפרי געשיקט א באס פון די אינטוריסט צו פארן קיין אומאן. אלעס גלייכערהייט, רואיג מיט ערלויבעניש! איך האב נישט געגלייבט וואס גייט דא פאר... איך געדענק אז עס האט מיר זייער איבערראשט צו זען די שילדן אויפן וועג, "נאך 100 קילאמעטער צו אומאן..." "נאך 50 קילאמעטער צו אומאן..."




איך בין געזעצן נעבן ר׳ הערשל רייכמאן ז"ל. ער איז געווען אן עלטערער איד וואס איז געווארן מקורב צום רבי׳ן נאך פארן קריג אין ווארשע. איך האב אים געפרעגט ווי אזוי ער שפירט זיך מיט די נסיעה, ווייל ער איז נישט אריבער אזוי פיל שוועריגקייטן ווי אנדערע וועלכע זענען געפארן מיט קינדער אדער זיך געפלאגט אויף צו צאמשטעלן דאס געלט... האט ער מיר געענטפערט:

"פונקט פון דעם טראכט איך יעצט... אז למעשה מיינע יגיעות און תפילות האב איך שוין געמאכט, נאר פאר דרייסיג יאר ווען איך האב געלערנט אין ישיבת ברסלב אין ווארשע. עס זענען געווען בחורים וועלכע

האבן זיך אריבערגעשווערצט דעם גרעניץ צו פארן צום ציון. אויך איך האב געוואלט און געהאפט אזוי צו טון, א גאנצע יאר האב איך געקליבן א פרוטה נאך א פרוטה און געבעטן דעם אויבערשטן יעדן טאג אז איך זאל זוכה זיין צו קומען צום רבי'ן. מיר, זענען שוין אנגעקומען נעבן דעם גרעניץ אבער דעמאלס האבן מיר געהערט אז די פאליציי האבן געכאפט א פריערדיגע קבוצה וואס האבן פראבירט אריבערגיין. נאך אזא ידיעה זענען מיר דערציטערט געווארן און מיר האבן זיך אומגעקערט קיין פוילן. אבער איך האב געוואוסט קלאר," האט ר' הערשל ווייטער געזאגט, "אז די אלע רצונות און תפילות און התבודדות זענען נישט געגאנגען לאיבוד חלילה, נאר איך וועל נאך אמאל זוכה זיין צו קומען צום הייליגן ציון! איך מיין אז נאר צוליב דעם פאר איך יעצט עפעס אזוי גרינג און גלאטערהייט ווייל מיינע יגיעות האב איך שוין אפגעמאכט אין מיינע יונגע יארן!"

מיט אונז אויפן באס זענען געווען צוויי רוסישע באגלייטערס וואס זענען געווען אונטערגעשטעלט דורך די קעי-דזשי-בי. איינער איז געווען א איד, א קאמוניסט נעבעך וואס האט א געלויבט און בארימט רוסלאנד, ווען ער פרעגט אונז כסדר פארוואס מיר פארן קיין אומאן? אין רוסלאנד איז פאראן פיל שענערע שטעט. און אויך אין אומאן אליין אין דא דער גרויסער סאפיא גארטן און גרויסע רפואה אוניווערסיטעטן. וואס האבן אייך דען צו זוכן ביי עפעס אן אור-אלטן קבר?! פארשטייט זיך אז מיר האבן זיך נישט געמאכט צו טון פון זיינע נארישע ווערטער.

די אנדערע באלייטער איז געווען א רוסישע פרוי וואס האט געארבעט אין די אינטוריסט, זי האט זיך זייער אינטערעסירט וואס עפעס קומען א גרופע אמעריקאנער צו א הויף אין אומאן? ר' צבי אריה האט איר דערציילט אז דארט ליגט א גרויסער צדיק וואס איז ביי אונז א גרויסער זאך דארטן צו קומען, אבער ער האט איר ערקלערט אז מיר האבן זייער מורא אז מען וועט אונז נישט לאזן אריינגיין אין הויף, דעריבער בעט ער, אויב עס וועט זיך מאכן שוועריגקייט אויב זי איז גרייט צו שטיין צו הילף? אבער די רוסישע האט אינגאנצן אוועקגעמאכט די זאך, ס'איז זיכער נישטא קיין פראבלעם, פארוואס זאל מען אייך נישט לאזן אריינגיין?

ווען די באס איז אנגעקומען קיין אומאן, זענען ארויפגעקומען זיי צו אויפנעמען דער מעיאר פון שטאט און זיין געהילף. זיי האבן אויסגעזעהן זייער איבערראשט, נאכן באגריסן מיט א שיינעם גוט מארגן האבן זיי געזאגט, "איר זענט די ערשטע אמעריקאנער וואס קומען דא אהער!"

אומאן איז געווען א קליין פארווארפענע שטעטל, קיין שום טוריסט איז נישט געווען אינטערעסירט דארטן צו קומען. (די זאך אליין איז געווען איינע פון די ניסים אין דעם גרויסן קייט פון ניסים וואס האט ארומגענומען די גאנצע נסיעה, ווייל די רוסן האבן געגעבן ערלויבעניש צו

קומען נאר אין זייערע שיינע שטעט צו ווייזן פאר די וועלט אז זיי זענען א פארגעשריטענע לאנד...)

ענדליך איז מען אנגעקומען צום ארט, ר' גדליה, וואס האט געקענט די וועג האט אלעמען צוגעפירט צום הויף. זיי האבן זיך געשטעלט ביים טויער און די גוי'טע - די באלעבוסטע איז ארויסגעקומען זען ווער זענען די באזוכער? זי האט געזען א באס מיט א גרופע טוריסטן, דער מעיאר און זיין געהילף, אזוי אויך פאליציאנטן וואס האבן באגלייט די גאנצע נסיעה, זי האט נישט פארשטאנען וואס גייט דא פאר? מען האט איר פראבירט צו ערקלערן אז ביי איר אין הויף ליגט איינער צו וועמען די טוריסטן זענען געקומען צו פארן א לאנגע וועג, אבער זי איז אריין אין א פאניק און גענומען שרייען קולות און יללות אז זי לאזט בשום אופן נישט אריינטרעטן ביי איר אין הויף, קיינער ליגט דארט נישט באגראבן און



ר' צבי ארי' מיט זיין חבורה ביים ציון
(בילדער קרעדיט גנזי הנחל, גנזי ברסלב)

אלעס איז פוסטע נארישקייטן...

אלע זענען געבליבן שטיין פארפרווירן אויפ'ן ארט.

"נו לאמיר אביסל שפאצירן אין שטאט, אפשר געפינט זיך וואס איר זוכט אין א הויף פון א צווייטע הויז!" האט דער מעיאר פארגעשלאגן.

מיר זענען געווען פארלוירן. מען שטייט שוין אזוי נאנט ביים טויער פון הויף... באשעפער העלף..!! איך בין צוגעגאנגען צו ר' צבי אריה ראזנפעלד און געזאגט שטיל אין אויער: "דאס איז דער פלאץ! דאס איז דער הויף! זי איז די גוי'שע באלעבוסטע!

ווען ר' צבי אריה האט געהערט מיינע קלארע ווערטער איז ער צוגעגאנגען צום פירער און געזאגט: "מיר ווילן נישט גיין ווייטער דאס איז די הויז, צו דעם הויף זענען מיר געקומען!"

אבער ער האט געענטפערט קאלט אז ס'איז נישט אזוי געפערליך אז מען וועט נישט קומען צום הויף, בעסער זאל מען אביסל זען די שטאט...

דערוויל האט די באלעבוסטע ווייטער געשריגן (באמת האט זי נישט געהאט קיין פראבלעם צו אריינלאזן ביי איר אין הויף נאר ווייל די שכנים ארום פלעגן איר מקנא זיין און באשולדיגן אז זי ווערט רייך פון די חסידים וואס קומען ביי איר הויף, האט זי יעדעס מאל אזוי געשפילט מען זאל ח"ו נישט קלערן אויף איר אז זי וויל און פארדינט עפעס פון די גאנצע זאך.). איך מיט ר' צבי אריה זענען צוגעגאנגען צו די באגלייטערן וואס

מיר האבן איר פריער אויפן וועג געבעטן איר הילף, און איר געזאגט, "אט זעט איר, אזוי ווי מיר האבן פריער מורא געהאט, מען לאזט אונז נישט אריין צום הויף!"

אין די מינוט איז די באגלייטערן געווארן היסטעריש, אן קיינעם צו פרעגן איז זי צוגעגאנגען צום טויער, געגעבן א שטופ און געפנט ברייט, "גייטס אריין!" האט זי געזאגט שטרענג! קיינער האט נישט געפרעגט קיין איבריגע פראגעס... אלע זענען שנעל אריין. איך האב געוויזן פאר אלעמען וואו דער ציון איז, אזוי ווי ר' מיכל האט מיר געוויזן די פריערדיגע מאל, און מיר האבן אנגעהויבן צו זאגן צוזאמען "תיקון הכללי".

די גוי'טע האט נישט געוואוסט וואס עס גייט פאר, דער מעיאר האט זיך געריבן זיין שטערן און נישט געוואוסט ווי צו רעאגירן... אבער מיר זענען שוין געווען ביים רבי'ן...

מען קען נישט אראפשרייבן די דערהויבנקייט פון יענעם מעמד. איבער א מנין אידן ביים רבינ'ס ציון אונטער די קאמוניסטן! א חלק האבן געמאכט התבודדות, געמאכט השתטחות, מיט טרערן און בכיות. אלע זענען געווען מורא'דיג פריילעך און איבערראשט.

אזוי ווי די גוי'טע האט געזען אז מיר זענען שוין אריין איז זי פלוצלונג געווארן פריינדליך און אונז אריינגענומען זיך אביסל דערווארעמען ביי איר אין שטוב ווייל אינדרויסן איז געווען א מורא'דיג קעלט. זי האט אונז אפילו מכבד געווען מיט אביסל ווארעמע טיי. כאטש מיר זענען געווען א לענגערע צייט אויף די פראסטן איז קיינער נישט פארקילט געווארן. נאר דער קאמוניסט, דער באגלייטער וואס האט נישט געוואלט אראפגיין פון באס וועגן די קעלט – ער איז געווארן שטארק פארקילט...

מיר זענען ארויס פון הויף נייע געבוירן. אלע זענען געווען בשמחה, מיר האבן געוואוסט אז ס'איז דא געשען א נס מעל הטבע. ווען מיר זענען צוריק געפארן קיין מאסקאווע זענען מיר געווען אין א האטעל אנטקעגן דעם טרויעריג בארימטע קרעמלין פון רוסלאנד. אזוי ווי ס'איז געווען חנוכה, האבן מיר געצונדן די הייליגע ליכטעלעך פון חנוכה ביים פענסטער פונקט אנטקעגן דעם שטאלץ פון דעם מלכות הרשעה וואס האט געוואלט להשכיחם תורתך, ולהעבירם מחוקי רצונך! מיר זענען געווען זיכער אז מיט אונזער הייליגע וועג צו פארן צום צדיק האבן מיר געוויזן אז די מלכות דקדושה האט געזיגט.

"ואחר כן באו בניך לדביר ביתך... ופינו את היכלך... והדליקו נרות בחצרות קדשיך!"



# 8 קליינע עובדות פון גרויסע מענטשן

דער רבי ז"ל האט געזאגט:

ואמר: זֶה אֲנִי מַאֲמִין וְגַם אֲנִי יוֹדֵעַ הַרְבֵּה בְּעִנְיָן זֶה שֶׁכָּל הַתְּנוּעוֹת וְכָל הַמַּחֲשָׁבוֹת וְכָל מִינֵי הָעֲבוֹדוֹת שֶׁעוֹשִׂין בִּשְׁבִיל אֵיזֶה עֲבֹדָא שֶׁבִּקְדֻשָּׁה אֵין שׁוּם תְּנוּעָה וְלֹא שׁוּם מַחֲשָׁבָה נֶאֱבֶדֶת כְּלָל, וְהַכֹּל נִרְשָׁם לְמַעְלָה לְטוֹבָה. אַשְׁרֵי כְּשֶׁזּוֹכִין לִקְפֹּץ וּלְדַלֵּג עַל כָּל הַמְּנִיעוֹת וְזוֹכִין לִגְמֹר וְלַעֲשׂוֹת אֵיזֶה עֲבֹדָא טוֹבָה. (חיי מוהר"ן רטו)

*איבערגעטייטשט:*

אין דעם גלויב איך, און איך ווייס אסאך אין דעם ענין, אז אלע תנועות און אלע מחשבות און אלעס וואס מען טוט כדי צו מאכן עפעס א הייליגע עובדא, ווערט קיין שום תנועה און קיין שום מחשבה נישט פארלוירן. אלעס ווערט אפגעשריבן אויבן צום גוטן. וואויל איז ווען מען איז זוכה צו איבערשפרינגען אויף אלע שוועריגקייטן און מען איז זוכה צו ענדיגן און טון עפעס א גוטע זאך.

**עטליכע ביישפילן פון אונזערע לייט...**



**1.הרה"ח ר' שלמה וועקסלער ז"ל** האט זיך געפירט אז אויב עס איז אים בטעות אראפגעפאלן א מטבע אויף דער ערד האט ער עס נישט אויפגעהויבן, נאר ער האט עס אריינגעשטופט מיט די פיס אונטערן בעט, ווייל ער האט זיך זייער געהיטן פון תאות ממון, וואס דער רבי האט געזאגט אויף דעם אז ס'איז אזוי ווי עבודה זרה רח"ל. דעריבער האט ער זיך נישט געוואלט בייגן צו די געלט. ווען דער גבאי צדקה פלעגט אנקלאפן ביי אים צו בעטן צדקה, האט ער אים צוגעפירט דארט אונטערן בעט ער זאל נעמען אלעס וואס איז דארט געלעגן! (בצילו של הרבי)



**2. הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל,** חוץ פון זיין גרויסקייט אין תורה און תפילה, פלעגט ער אסאך

עוסק זיין אין צדקה. ער האט געהאט א באזונדערע קאסע פאר די עובדי השם פון אנשי שלומינו וועלכע האבן געליטן ארעמקייט. פאר דעם צוועק פלעגט ער בעטן געלט פון אלע חסידים פון שול. ער האט זיך ארומגעדרייט מיט אן אינטערעסאנטע ליסטע: פון איין זייט איז געשטאנען די תורמים, און פון צווייטן זייט נצרכים, ער איז ארום געגאנגען פון איינעם צום צווייטן און געבעטן א נתינה. ווער עס האט געהאט צו געבן האט ער איינגעשריבן ביי די תורמים, און אויב איינער האט אים געזאגט אז ער האט נישט צו געבן, האט ער אים באלד איינגעשריבן ביי די נצרכים. ער האט געהאט א קלארע כלל, אלע זענען אויף די ליסטע! אדער געבט מען אדער באקומט מען... (בצילו של הרבי)



3. יארן לאנג פלעגט הרה"ח **ר' שמואל שפירא ז"ל** בעטן און בענקען זוכה זיין צו אנקומען צום רבי'נס ציון אין אומאן. ר' ישראל מאיר גבאי הי"ו וועלכער פלעגט אסאך ארומגעפארן צו שטארקן און אויפהאלטן די קברי צדיקים אין אוקריינע, האט דערציילט אז ווען ער פלעגט אריינקומען צו ר' שמואל בעטן ער זאל אים העלפן מיט די הוצאות פון די נסיעות קיין אומאן, פלעגט ער אים באלד געבן אלעס וואס ער דעמאלס געהאט אין טאש...



4. אין די יונגע יארן פון הרה"ח **ר' אברהם יצחק גאלדרייך ז"ל** האט ער געזוכט אן עצה ווי אזוי צו מקיים זיין דעם "יזכיר לו יום המיתה". וויאזוי צו מאכן א דערמאנונג נישט צו פארגעסן דעם תכלית אז די וועלט איז צייטווייליג און באלד דארף מען זיך שוין אומקערן אהיים, ביז ער איז געקומען צו א געדאנק, ער האט זיך גענייט ווייסע תכריכים און ער פלעגט דאס מיטנעמען מיט זיך וואו ער איז נאר געגאנגען אז וואו אימער ער וועט זיך קערן, זאל ער שטענדיג געדענקען פונעם לעצטן טאג... און טאקע צום סוף איז ר' אברהם יצחק פלוצלונג נפטר געווארן אין מירון, בעת ער האט געוויילט ביים ציון פון ר' שמעון. מען האט אים געפירט צו זיין לעצטן וועג מיט זיינע אייגענע תכריכים וואס ער האט געהאט מיט זיך! ביי זיין לויה וואס איז ארויס פון ציון פון

ר׳ שמעון בר יוחאי האט מען געהערט פון ר׳ שמואל שפירא ז״ל זאגן אז ער וואלט געוואלט האבן א לויה אזוי ווי ר׳ אברהם יצחק...



5. נאך די פטירה פון הרה״ח ר׳ מיכל דארפמאן ז״ל האט מען געטראפן צווישן זיינע זאכן א קליין ביכעלע וואס דארט איז געשטאנען: איך בין שולדיג פאר מיין טאכטער א קלייד... איך בין שולדיג פאר מיין פרוי נייע שיך א.א.וו. ווייל ער האט מקיים געווען מיט א תמימות די עצה פון רבי׳ן אין שיחות הר״ן אז ס׳איז בעסער צו זיין א בעל חוב פאר זיך און די בני בית, ווי צו קומען געלט פאר דעם געשעפט אדער אנדערע מענטשן...



6. **הרה״ח ר׳ גדליה קעניג ז״ל** האט דערציילט אז אין די יארן וואס דער ציון איז געווען פארמאכט און מען האט בשום אופן נישט געקענט אנקומען צום רבי׳ן אויף ראש השנה, זענען געווען חסידים וועלכע פלעגן פארן קיין יפו צום פארט, וואו עס פארן ארויס די שיפן, קוקן צום ים מיט א בענקעניש און בעטן מיט טרערן: ״רבונו של עולם, איך וויל גיין צום רבי׳ן....״

ער פלעגט דאס דערציילן פאר די אידן וועלכע פארן צום רבי׳ן, אז כאטש די טויערן זענען שוין ברוך השם אפן און ווער ס׳וויל קען פארן, דארף מען נישט אפלאזן די רצונות און די בענקעניש וואס דאס אליין איז זייער א גרויסע זאך.



7. **הרה״ח ר׳ נפתלי דובינסקי ז״ל** האט זייער אסאך געליטן אין זיין לעבן אן א שיעור יסורים. ער האט פארלוירן זיין פרוי יונגערהייט, און איז אויך געצוואונגען געווארן צו ארבעטן אין סיביר אכט יאר! ווען ער האט שוין ענדליך זוכה געווען אנצוקומען קיין ארץ ישראל איז זיין זון, מרדכי הי״ד נעבעך גע׳הרג׳ט געווארן דורך רוצחים.

ביי די לויה האט ר׳ נפתלי זייער שטארק געוויינט, ביז מען האט אים געדארפט



אונטערהאלטן, ווען פלוצלונג האט זיך אנגערופן איינער, א נאנטער פון די משפחה: "אוי ווי, פארוואס האט דער באשעפער אזוי געטאן?!"

ווי נאר ר' נפתלי האט דאס געהערט, האט ער גלייך אפגעשטעלט זיין געוויין, ער האט אויסגעגראד זיין רוקן און געזאגט: "חס ושלום! איך האב נישט קיין קשיות אויפן רבונו של עולם! אין אלע שווערינקייטן וואס איך בין אריבער אין לעבן האב איך קיינמאל נישט געהאט קיין פראגעס, פארוואס און פאר ווען... איך ווין נאר ווייל עס טוט מיר זייער וויי..."



8.הרה"ח ר' משה בורשטיין ז"ל איז אמאל ארויסגעפארן קיין אומאן ווען אינמיטן וועג האט מען געדארפט טוישן א פליגער קיין ווארשע, אבער אנקומענדיג קיין ווארשע האט ער געזעהן אז ער האט שוין פארשפעטיגט דער פליגער קיין קיעוו. דער קומענדיגער פליגער פארט ארויס נאר נאך צוויי טעג. בלית ברירה איז ער צוגעפארן צום רב פון ווארשע ווײלנדיג ביי אים אויף שבת ווען גלייך זונטאג וויל ער פארזעצן זיין וועג. במשך דעם שבת איז דער רב זייער אנטציקט געווארן פון ר' משה'ס דיבורים, עס איז אריבער אויף זיי א פרייליכע, דערהויבענעם שבת.

מוצאי שבת האט דער רב געלאדנט ר' משה צו קומען צו אים נאכאמאל, עס האט אים אסאך צוגעגעבן צו זיין געזעלשאפט, אבער ר' משה האט נישט געוואלט. ער האט אים געזאגט אז פארן חתונה מאכן איינע פון זיינע קינדער האט מען אים פארגעשלאגן צו געבן הונדערט טויזנט דאלער פאר די חתונה אויב ער וועט קומען צו פארן קיין אמעריקע אויף א שבת, "איך האב אבער נישט געוואלט און אלעס מוותר געווען ווייל איך פאר נישט ארויס פון ארץ ישראל נאר צום ציון פון הייליגן רבי'ן..."



# א שמועס מיט'ן זיידן



היום אם בקולו
תשמעו

**בֶּערֶעלֶע** – זֵיידִי, אִיךְ קֶען שׁוֹין קוֹים וַוארְטְן, וֶוען אִיךְ גֵיי שׁוֹין וֶוערְן גְרוֹיס...

**זֵיידֶע** – אַזוֹי? פַארְוָואס?

**בֶּערֶעלֶע** – וֶוען אִיךְ וֶועל וֶוערְן גְרֶעסֶער גֵיי אִיךְ שׁוֹין צִינְדְן אִין אַ גְרוֹיסֶע מְנוֹרָה אַזוֹי ווִי מַיין בְּרוּדֶער דָּוִד. אִיךְ וֶועל הָאבְּן אַ הוּט מִיט אַ גַארְטְל. אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ שׁוֹין זַיין מֶער עֶרְנְסְט... אִיךְ ווייס נִישְׁט, אַלֶעס גֵייט זַיין שֶׁענֶער אוּן בֶּעסֶער וֶוען אִיךְ וֶועל שׁוֹין זַיין אַ גְרוֹיסֶער.

**זֵיידֶע** – זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט, אַזוֹי טְרַאכְסְטוּ? דוּ ווייסְט בֶּערֶעלֶע, אִיךְ דְרֵיי מִיךְ צְווִישְׁן עֶלְטֶערֶע אִידְן, אוּן פוּן זֵיי הֶער אִיךְ אַלֶעמָאל פּוּנְקְט פַארְקֶערְט... יֶעדֶער אֵיינֶער טוּט דֶערְצֵיילְן וֶועגְן זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, וָואס אִיז גֶעוֶוען אוּן גֶעשֶׁעהְן... אַלֶע וָואלְטְן זִיךְ גֶעווָאונְטְשְׁן צוּ זַיין אַזוֹי פְרִישׁ אוּן לֶעבֶּעדִיג ווִי דִיר, אַ יוּנְג קִינְד.

**בֶּערֶעלֶע** – וָואס בַּאדַייט דִי זַאךְ? בַּיי דִי יוּנְגֶע יָארְן וִויל מֶען וֶוערְן עֶלְטֶער, אוּן וֶוען מֶען אִיז אַלְט וִויל מֶען יוּנְגֶער וֶוערְן?!

**זֵיידֶע** – ס'אִיז נִישְׁט בֶּאֱמֶת אַזוֹי, נָאר אַזוֹי פִירְט זִיךְ דֶער שְׁטוּת הָעוֹלָם, דִי נַארִישְׁקַייט פוּן דֶער וֶועלְט. אַ קִינְד רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז וֶוען עֶר וֶועט זַיין אַ בָּחוּר וֶועט זַיין גוּט. שְׁפֶּעטֶער אַלְץ בָּחוּר טְרַאכְט מֶען אֶפְשָׁר נָאךְ דִי חֲתוּנָה דֶעמָאלְס וֶועט קוּמֶען גוּטֶע טֶעג. אֶפְשָׁר וֶוען דִי קִינְדֶער וֶועלְן שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן. אָבֶּער ווִי נָאר מֶען קוּמְט דָארְט שׁוֹין אָן, הֵייבְּט מֶען אָן צוּ בֶּענְקֶען נָאךְ דִי אַמָאלִיגֶע גוּטֶע יָארְן אַלְס בָּחוּר... אַלְס קִינְד... דָאס אִיז אַלֶעס הוֹילֶע דִמְיוֹנוֹת וָואס דֶער בַּעַל דָּבָר שְׁפִּילְט אַרוּם מִיט יֶעדְעם אֵיינֶעם אוּנְז צוּ אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן דֶעם לֶעבְּן יֶעצְט. עֶר שְׁפֶּעקוּלִירְט אוּן דְרֵייט אוּנְז בַּיים נָאז אַהִין אוּן צוּרִיק אָדֶער מִיט וָואס עֶס וֶועט זַיין אָדֶער מִיט וָואס אִיז גֶעוֶוען, דֶער עִיקָר נִישְׁט זַיין יֶעצְט בַּיים הוֹוֶה.

**בֶּערֶעלֶע** – פַארְוָואס ווִיל נִישְׁט דֶער יֵצֶר הָרָע מִיר זָאלְן זַיין צוּפְרִידְן מִיט וָואס סְ'גֵייט פָאר מִיט אוּנְז יֶעצְט?

**זֵיידֶע** - ווַייל דֶער בַּעַל דָּבָר ווִיל אוּנְז צוּנֶעמֶען דֶעם גוּטְן לֶעבְּן. וֶוען מֶען טְרַאכְט אַרַיין אִין דָאס וָואס אִיז שׁוֹין פַארְגַאנְגֶען קוּמְט מֶען אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָן. קֶען מֶען דֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע טֶעג? מֶענְטְשְׁן עֶסְן זִיךְ אוֹיף דִי הַארְץ לַאנְגֶע יָארְן אוֹיף אַמָאלִיגֶע גְרַייזְן וָואס מֶען קֶען שׁוֹין נִישְׁט פַארֶעכְטְן, אוּן דֶערְוַוייל דֶערְלַייגְט מֶען דֶעם הַיינְט, דֶעם יֶעצְטִיגְן לֶעבְּן, וָואס דָאס אַלֵיין אִיז אַ גְרוֹיסֶער גְרַייז. אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען קְלֶערְט אוֹיפְ'ן צוּקוּנְפְט וָואס גֵייט זַיין, אִיז אוֹיךְ אַ נַארִישְׁקַייט, וֶוער קֶען דֶען ווִיסְן וָואס גֵייט זַיין?

**בֶּערֶעלֶע** – נָאר דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער!

**זֵיידֶע** – רִיכְטִיג! דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ

נִישְׁט מַאכְן צוּ טוּן פוּן אַזֶעלְכֶע גֶעדַאנְקֶען, נָאר זִיךְ אֵייבִּיג פְּרֶעגְן זִיךְ אַלֵיין, וָואס קֶען אִיךְ יֶעצְט טוּן? וִוי גֵיי אִיךְ זִיךְ הַיינְט פִּירְן רִיכְטִיג אוּן בֶּעסֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זַ"ל רֶעדְט וֶועגְן דֶעם אִין תּוֹרָה ער"ב: "הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמְעוּ" זֶה כְּלַל גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, שֶׁלֹּא יָשִׂים לְנֶגֶד עֵינָיו כִּי-אִם אוֹתוֹ הַיּוֹם," נוּ בֶּערֶעלֶע, לָאמִיר דִיר הֶערְן, קֶענְסְט טַייטְשְׁן דִי וֶוערְטֶער?

**בֶּערֶעלֶע** – דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַז מֶען זָאל גָארְנִישְׁט שְׁטֶעלְן אַנְטְקֶעגְן דִי אוֹיגְן, נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג. אִיךְ קֶען נִישְׁט גְלוֹיבְּן, דֶער רֶבִּי רֶעדְט מַמָּשׁ אוֹיף וָואס מִיר הָאבְּן יֶעצְט גֶעשְׁמוּעֶסְט!

**זֵיידֶע** – וָואס גְרֶעסֶער דֶער דָאקְטֶער אִיז אַלְס הָאט עֶר מֶער עֵצוֹת אוּן אַ לֵייזוּנְג פַאר מֶער פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן שְׁוֶוערִיגְקַייטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז דֶער גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער! דֶער רוֹפֵא הַנְּפָשׁוֹת, עֶר הָאט פַאר אוּנְז גֵייסְטִישֶׁע רְפוּאוֹת, אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְן יֶעדְן אִיד אִין יֶעדְן מַצָּב הָאט שׁוֹין דֶער רֶבִּי אָנְגֶעגְרֵייט פַאר אִים אַ גוּטֶע מֶעדִיצִין! אַ הֵיילִיגֶע עֵצָה וָואס גֵייט אִים אוֹיסְלֵייזְן פוּן זַיין פְּרָאבְּלֶעם. דִי תּוֹרָה אִיז אֵיינֶע פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִיד, זִיךְ פָּארְשְׁטֶעלְן נָאר דֶעם הַיינְט, דִי יֶעצְטִיגֶע מִינוּט!

כְּ'הָאבּ גֶעקֶענְט אַמָאל אַ בָּחוּר'ל וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע קִינְד מִיט סְפֶּעצִיעֶלֶע גֶעבְּרוֹיכְן. עֶר הָאט גֶעהַאט אַ מוֹרָא'דִיגֶע תְּמִימוּת, מֶענְטְשְׁן פְלֶעגְן אִים אַסַאךְ מָאל פְּרֶעגְן: "וֶוען גֵייט קוּמֶען מָשִׁיחַ?" (אַזוֹי וִוי מֶען וֵוייסְט אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען הוֹיכֶע נְשָׁמוֹת), פְלֶעגְט עֶר אֵייבִּיג עֶנְטְפֶערְן: "הַיינְט!"

קֵיינֶער הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר מֵיינְט זִיךְ זָאגְן. אָבֶער וֶוען מֶען טְרַאכְט אַרַיין פַארְשְׁטֵייט מֶען גְלַייךְ אַז דָאס אִיז טַאקֶע דִי אֱמֶת'ע תְּשׁוּבָה, "הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ!"

סְ'שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבְּן אַז ר' יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי הָאט גֶעטְרָאפְן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט, "אֵימָתַי קָאָתֵי מַר - וֶוען גֵייט מָשִׁיחַ קוּמֶען?" הָאט אִים אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא גֶעעֶנְטְפֶערְט: "הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמְעוּ!" הַיינְט! אוֹיבּ אִיר וֶועט פָאלְגְן וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הֵייסְט! לֶערְנְט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיבּ אַ אִיד שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע עֵצָה פוּן צַדִיק, צוּ אַוֶועקְלֵייגְן אַלֶע דִמְיוֹנוֹת פוּן וָואס גֵייט זַיין אָדֶער וָואס אִיז פַארְגַאנְגֶען אוּן עֶר פְרַיידְט זִיךְ אוּן שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט זַיין לֶעבְּן הַיינְט, קֶען עֶר מִיט דֶעם דֶערְנֶענְטֶערְן דִי גְאוּלָה!

**בֶּערֶעלֶע** – דַארְף אִיךְ זַיין פְרֵיילֶעךְ מִיט וָואס אִיז יֶעצְט? אַז אִיךְ בִּין אַ קְלֵיין אִינְגֶל וָואס צִינְד אִין אַ קְלֵיינֶע מְנוֹרָה מִיט וַואקְסֶענֶע לִיכְט...? אוּן...

**זֵיידֶע** – מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט וָואס אִיז דִיר גוּט יֶעצְט. יֶעצְט קֶענְסְטוּ שְׁפִּילְן אִינְדְרוֹיסְן מִיט קִינְדֶער. יֶעצְט קֶענְסְטוּ לוֹיפְן כַאפְּן פֶּעקֶעלֶעךְ אוּן נַאשׁ וָואס מֶען וַוארְפְט אוֹיפְן חָתָן. קֶענְסְט קְרִיכְן אוֹיף דִי בֵּיימֶער אוּן שְׁפְּרִינְגֶען אוּן טַאנְצְן. נָאךְ אַפָּאר יָאר גֵייט שׁוֹין נִישְׁט זַיין פַּאסִיג צוּ טוּן דִי אַלֶע זַאכְן. יֶעדֶע צַייט הָאט זִיךְ זַיינֶע גוּטֶע זַאכְן. ווּאוֹיל אִיז דֶער וָואס אִיז צוּפְרִידְן מִיט זַיין הַיינְט, אוּן נִיצְט אוֹיס זַיינֶע יָארְן צוּ דִינֶען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

# ◆◆◆ ניגון מעלה עליונה ◆◆◆

ניגון: ואני כזית רענן (סקולען)

קינד:

טַאטֶע, אֶפְשַׁר יֶעצְט אִיז צַייט
רֶעדְן פְרַיי בַּיי דֶעם גֶעלֶעגְנְהַייט
אַ קַשְׁיָא שׁוֹין לַאנְג, אוֹיפְן הַארְץ עֶס דְרִיקְט
אוֹיף אַלֶע מַיינֶע, גְלִידֶערְן עֶס ווירְקְט

ווִי אַזוֹי, דִי וֶועלְט אַרִיבֶּערְצוּגֵיין
אִינְדְרוֹיסְן, שְׁוֶוערֶע מִלְחָמוֹת טוּט זַיין
דֶעם בַּאשֶׁעפֶּערְס נָאמֶען אַזוֹי בַּאהַאלְטְן אִיז
מִיט לֶעצְטֶע כּוֹחוֹת אָנְהַאלְטְן אִיךְ מוּז

טאַטע:

כְ'הָאבּ הֲנָאָה, מַיין קִינְד אַז דוּ פְרֶעגְסְט
דַיין וֵוייטָאג, אַרוֹיסְגֶעבְּן דוּ מֶעגְסְט
אָבֶּער אֵיין תֵּירוּץ, דַיינֶע קֻשְׁיוֹת עֶנְטְפֶערְט אָפּ
אַלֶע-שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, פַאלְן וֶועלְן אַרָאפּ

יֶעדְן טָאג גֵיי אִין צִימֶערְל פַארְשְׁפַּארְט
רַאטֶעוֶוען פוּן דִי וֶועלְט וָואס פַארְנַארְט
דַיין הַארְץ אָפְן, צוּם בַּאשֶׁעפֶּער רֶעדְט אַרוֹיס
דָאס וֶועט טוֹישְׁן, דִי לוּפְט בַּיי אוּנְז אִין הוֹיז

קינד:

פוּן הַיינְט, טַאטֶע אִיךְ הֵייבּ אָן
הִתְבּוֹדְדוּת, דִי עֵצָה וֶועל אִיךְ טוּן
פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, תְּמִימוּתְ'דִיג אַזוֹי
דַאנְקְן גָאט אַז שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי

טַאקֶע, בֶּעסֶערְס אִיז נִישְׁט פַארְהַאן
אַזוֹי שְׁטֵייט אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן
הִתְבּוֹדְדוּת, הוּא מַעְלָה עֶלְיוֹנָה
זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן פַארְן שׁוֹכֵן מְעוֹנָה

טאַטע:

אַ נַיי קִינְד, עֶס וֶועט דִיר מַאכְן פְרִישׁ
אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וֶוערְן ווִי צוּנִישׁ
וֶוען בָּטַחְתִּי בְּחֶסֶד אֱלֹקִים, עוֹלָם וָעֶד

וַאֲנִי כְּזַיִת רַעֲנָן, בְּבֵית בְּבֵית אֱלֹקִים
בָּטַחְתִּי בְּחֶסֶד אֱלֹקִים עוֹלָם וָעֶד.



# די ליכטיגע חנוכה תורות



**חנוכה** איז געווען איינע פון די באשטימטע זמנים ווען דעם רבי'נס לייט פלעגן זיך איינזאמלען ביים רבי'ן און דעמאלטס האט דער רבי מגלה געווען הייליגע לעכטיגע תורות. דער הייליגער רבי האט אין די יארן פון תקס"ג ביז תק"ע איבערגעגעבן פאר אונז אכט הייליגע חנוכה תורות. מיר וועלן אביסל שרייבן אן הקדמה צו די תורה וואס דער רבי האט געזאגט אין די יאר תקס"ט ווען דער רבי האט מגלה געווען די תורה וואס ווערט געברענגט אין צווייטן חלק פון ליקוטי מוהר"ן תורה ב' ימי החנוכה.

## מאנטאג אסרו חג סוכות, יאר תקס"ח

ביים רבי'ן אין שטוב קומט פאר העפטיגע הכנות. מען פאקט פעקלעך און מען רישט זיך צו פארן מיט'ן רבי'ן קיין לעמבערג. דער רבי האט געבעטן פון רבי נתן זיינע כתבים פון ליקוטי מהר"ן און רבי נתן האט זיך געוואונדערט פארוואס דער רבי נעמט די שריפן. ער האט געטראכט אז זיכער איז דאס נישט ווייל ער וועט דאס געבן צו דריקן, ווייל דער רבי פלעגט דאך אנזאגן זיינע חסידים נישט צו אנטפלעקן זיינע תורות צו פרעמדע מענטשן. מן הסתם ווייל דער רבי מיטגענומען זיינע כתבים פאר זיינע ספעציעלע הויכע ענינים.

אויב וועט איר פרעגן פון די בני בית וואס איז די סיבה פון רבי'נס נסיעה קען זיין מען וועט אייך ענטפערן אז דער רבי גייט זיך היילן ביי די ארטיגע גרויסע דאקטוירים, אבער רבי נתן שרייבט אז די ריכטיגע סיבה פארוואס דער רבי איז געפארן איז פארבארגן פון די מעטשליכע באגריפן. דער רבי האט געהאט גאר הויכע ענינים וואס ער האט געדארפט מתקן זיין אין לעמבערג.

עס האט אויסגעזען כאילו דער רבי גייט זיך היילן ביי די דאקטוירים. ער האט טאקע באזוכט ביי די גרעסטע דאקטוירים אין לעמבערג, אבער ער האט נישט אויסגעפאלגט פונקטליך זייערע רפואות. דער רבי האט נאכדערציילט פון א גרויסע פראפעסאר וואס האט זיך אויסגעדריקט אז די דאקטוירים ווייסן נישט וואס זיי רעדן. געוויסע דאקטוירים האלטן אז איין מהלך קען היילן דעם קרענק און אנדערע דאקטוירים האלטן פונקט פארקערט, אז יענע רפואה איז ממש סם המות נאר אן אנדערע רפואה איז ריכטיג. אזוי זענען זיי זיך סותר איינער מיט צווייטן, ווייל צומאל ארבעט איין געוויסע רפואה און צומאל א צווייטע רפואה.

דער רבי האט זיך אויסגעדריקט אויף די שוועריגקייטן וואס ער האט געהאט דארט אז ער דארף זיך גיין באהאנדלען ביי דאקטוירים איז געגליכן צו א גרויסע סוחר וואס פירט פארצווייגטע געשעפטן וואס אסך מענטשן זענען אנגעוויזן אין אים. מיטאמאל שְׁפַּארְט מען אים איין אין א צימער וואו ער מוז איינזיצן געצווינגענערהייט. דאס זעלבע האט דער רבי

געזאגט אויף זיך: "איך האב געהאט א וואוילע גוף וואס האט מיר נישט געמוטשעט צו עסן, טרינקען און שלאפן און דא מוז איך זיך היטן אויף מיין געזונט!" דער רבי האט געהאט זיינע הייליגע עבודות אין וואס די גאנצע וועלט איז געוואנדן אין אים און פלוצלינג האט ער געדארפט זיך אפשטעלן זיך אפצוריען, עסן, טרינקען און שלאפן.

נאכמער האט געווייטאגט פאר'ן רבי'ן אויף דעם וואס ער האט געדארפט איינעמען מעדעצינען וואס קומט פון כינע און אנדערע פלעצער וואו די מענטשן זענען געצנדינערס. דער רבי האט גלייך מרגיש געווען די אפיקורסות וואס איז געליגן אין די אלע מעדיצינען. (און טאקע דערפאר האט דער רבי איינגענומען די מעדיצינען צו מכניע זיין די קליפות פון די אפיקורסות).

**זונטאג - ח' תמוז יאר תקס"ח**

דער רבי קערט זיך צוריק קיין ברסלב נאכ'ן ויילן אונטערוועגנס פאר אכט חדשים. רבי נתן שרייבט: "איך בין אויפגעלעבט געווארן! געלויבט איז דער אויבערשטער פאר זיינע געוואלדיגע חסדים. עס איז געווען אן אפענער נס אז דער רבי האט זיך אומגעקערט לעבעדיג קעגן די אלע עדות וואס די דאקטוירים האבן געזאגט אז ער וועט נישט דערלעבן מער ווי א חודש און אוודאי וועט ער נישט קענען מאכן אזא שווערע וועג צוריק אהיים. אבער נישט נאר וואס דער רבי איז אנגעקומען אהיים בשלום נאר ער האט נאך געלעבט גאנצע צוויי יאר!

אין יענע צוויי יאר האט דער רבי אנטפלעקט געוואלדיגע און מורא'דיגע תורות און מעשיות. איך האלט אז די גאנצע רוחנית'דיגע ירושה וואס איז אונז פארבליבן איז צו פארדאנקן די לעצטע צוויי יאר פונעם רבין," און ר' נתן פירט אויס: "ווער ס'וועט לערנען דעם רבינ'ס הייליגע ספרים און זיך מתבונן זיין אין די הייליגע ווערטער וועט קענען האבן א שטיקל אנונג פון די געוואלדיגע חסדים וואס דער אויבערשטער האט געטון צו אונז אז ער האט געלאזט דעם רבי'ן לעבן.

**שבת חנוכה תקס"ט**

עס הערשט א דערהויבענע שטימונג ביים רבי'ן אין שטוב. די חסידים דאנקן דעם אויבערשטן בהלל והודאה אז דער הייליגער רבי איז צוריק מיט אונז, אויך רבי נתן ז"ל איז דעמאלטס געווען ביים רבי'ן.

דער רבי האט דעמאלטס געזאגט די תורה וואס הייבט זיך אן: "ימי חנוכה הם ימי הודאה". דער רבי רעדט דארטן אויף די עבודה פון דאנקן דעם באשעפער אויף אלע חסדים וואס ער טוט מיט'ן מענטש, אויך רעדט ער דארטן ארום פונעם קרבן תודה וואס מען דארף מקריב זיין ווען מען גייט ארויס פון א צרה.

רבי נתן שרייבט אז מיט די תורה האט דער רבי אפגעגעבן א שבח והודאה פאר'ן באשעפער אויף דעם וואס ער איז אהיימגעקומען פון לעמבערג בשלום.

נאכן זאגן די תורה האט דער רבי געהייסן די חסידים זינגן דאס קאפיטל קכ"ד נאכאמאל און נאכאמאל, "שיר המעלות.. לולא ה' שהיה לנו..." "אויב דער באשעפער וואלט נישט געווען מיט אונז ווען די מענטשן זענען אויפגעשטאנען קעגן אונז, וואלטן זיי אונז איינגעשלינגען לעבעדיגערהייט".

די חסידים זענען ארויס אין אן התלהבות'דיגן טאנץ, דאנקנדיג דעם אויבערשטן פאר זיינע חסדים.

# מעשה ה' בֶּן הַמֶּלֶךְ שֶׁהָיָה מֵאֲבָנִים טוֹבוֹת

אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ 'מֶלֶךְ' – דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט קַיין 'קִינְדֶער' נִישְׁט גֶעהַאט.

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, און הָאט זִיךְ גֶעפָּארֶעט מִיט 'דָאקְטוֹרִים' – כְּדֵי זַיין 'מְלוּכָה' זָאל נִישְׁט פַארְפְרֶעמְד וֶוערְן – זֵיי הָאבְּן אִים אָבֶער נִישְׁט גֶעהָאלְפְן.

הָאט עֶר גוֹזֵר גֶעוֶוען אוֹיף 'אִידְן': "אַז זֵיי זָאלְן פַאר אִים מִתְפַּלֵל זַיין, אַז עֶר זָאל הָאבְּן 'קִינְדֶער'"!

הָאבְּן [די] 'אִידְן' גֶעזוּכְט אַ 'צַדִיק', כְּדֵי עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין, און זָאל פּוֹעֶלְ'ן אַז עֶר זָאל הָאבְּן 'קִינְדֶער'.

הָאבְּן זֵיי גֶעזוּכְט – און הָאבְּן גֶעפוּנֶען אַ 'בַּאהַאלְטֶענֶעם־צַדִיק' – און זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "אַז עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין, אַז דֶער 'מֶלֶךְ' זָאל הָאבְּן קִינְדֶער"!

הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶר וֵוייסְט גָארְנִישְׁט"!

הָאבְּן זֵיי דָאס מוֹדִיעַ גֶעוֶוען דֶעם 'מֶלֶךְ' (בַּאֲשֶׁר אַז סְ'אִיז דָא אַ 'בַּאהַאלְטֶענֶער־צַדִיק' – נָאר עֶר זָאגְט: "עֶר וֵוייסְט גָארְנִישְׁט").

הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעשִׁיקְט אַ אוּקַאז' [בַּאפֶעל] נָאךְ אִים!

הָאט מֶען אִים גֶעבְּרַאכְט צוּם 'מֶלֶךְ' – הָאט דֶער 'מֶלֶךְ', מִיט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט גוּטְן: "דוּ וֵוייסְט דָאךְ, אַז דִי 'יְהוּדִים' זֶענֶען בַּיי מִיר אִין דֶער 'הַאנְט' – אִיךְ קֶען טָאן מִיט זֵיי וָואס אִיךְ וִויל – בְּכֵן [דֶערִיבֶּער] בֶּעהְט אִיךְ דִיךְ מִיט גוּטְן: זֵיי מִתְפַּלֵל אִיךְ זָאל הָאבְּן 'קִינְדֶער'"!

הָאט אִים דֶער 'צַדִיק' מַבְטִיחַ גֶעוֶוען: "אַז עֶר זָאל הָאבְּן דָאס יָאהְר אַ קִינְד"! – און [דֶער 'צַדִיק'] אִיז זִיךְ אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען!

הָאט דִי 'מַלְכָּה' גֶעהַאט אַ 'טָאכְטֶער'!

און דִי 'בַּת־מַלְכָּה' אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ 'גְרוֹיסֶע־פַּארְשׁוֹין' [יְפַת־תּוֹאַר] – און אַז זִי אִיז אַלְט גֶעוֶוען פִיר יָאהְר, הָאט זִי גֶעקֶענְט אַלֶע 'חָכְמוֹת' און אַלֶע 'לְשׁוֹנוֹת' [שְׁפְּרַאכְן], און שְׁפִּילְן אוֹיף 'כֵּלִים'!

זֶענֶען גֶעפָארְן אַלֶע 'מְלָכִים' פוּן אַלֶע 'מְדִינוֹת', זִי צוּ זֶעהְן!

און סֶע [סְ'אִיז] גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם 'מֶלֶךְ', אַ 'גְרוֹיסֶע־שִׂמְחָה'!

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' זֵייעֶר גֶעוָואלְט: עֶר זָאל הָאבְּן אַ 'זוּהְן' – כְּדֵי דִי 'מְלוּכָה' זָאל נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין צוּ אַ פְּרֶעמְדְן.

הָאט עֶר ווִידֶער גוֹזֵר גֶעוֶוען אוֹיף אִידְן: "אַז זֵיי זָאלְן מִתְפַּלֵל זַיין, אַז עֶר זָאל הָאבְּן אַ 'זוּהְן'"!

הָאבְּן זֵיי גֶעזוּכְט דֶעם 'עֶרְשְׁטְן־צַדִיק' – און זֵיי הָאבְּן אִים שׁוֹין נִישְׁט גֶעפוּנֶען, וָוארְן עֶר אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן.

הָאבְּן זֵיי וַוייטֶער גֶעזוּכְט – הָאבְּן זֵיי גֶעפוּנֶען נָאךְ אַ 'בַּאהַאלְטֶענֶעם־צַדִיק' – און זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "אַז עֶר זָאל גֶעבְּן [פַּאר] דֶעם 'מֶלֶךְ', אַ 'זוּהְן'"!

הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "עֶר וֵוייסְט גָארְנִישְׁט"!

הָאבְּן זֵיי [דָאס] ווידֶער מוֹדִיעַ גֶעוֶוען דֶעם 'מֶלֶךְ' [אַז ס'אִיז דָא אַ 'בַּאהַאלְטֶענֶער־צַדִיק' – נָאר עֶר זָאגְט: "עֶר וֵוייסְט גָארְנִישְׁט"].

הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' [פַאר] דֶעם 'צַדִיק' אוֹיךְ אַזוֹי גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט דָאךְ, אַז דִי 'יְהוּדִים' זֶענֶען בַּיי מִיר אִין דֶער 'הַאנְט'" וְכוּ', כַּנַ"ל [ווי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט].

הָאט אִים דֶער 'חָכָם' (דְהַיְינוּ: דֶער 'צַדִיק') גֶעזָאגְט: "וֶועסְטוּ אָבֶּער קֶענֶען טוּהְן, וָואס אִיךְ וֶועל דִיר הֵייסְן"? – הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעזָאגְט: "יָא"!

הָאט דֶער 'חָכָם' צוּ אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ בַּאדַארְף, אַז דוּ זָאלְסְט בְּרֶענְגֶען אַלֶע עֶרְלֵיי 'אֲבָנִים־טוֹבוֹת' (כְּלוֹמַר: 'דוֹמִיט־וַוארְג' [דִימַאנְטְן]) – וָוארְן אִיטְלֶעכֶער 'אֶבֶן־טוֹב', הָאט אִין זִיךְ אַ אַנְדֶערֶע 'סְגוּלָה' – אוּן בַּיי דִי 'מְלָכִים', אִיז פַארְהַאנְדְן אַ 'סֵפֶר', וָואס דָארְט אִיז פַארְשְׁרִיבְּן אַלֶע עֶרְלֵיי 'אֲבָנִים־טוֹבוֹת'"!

הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל אוֹיסְבְּרֶענְגֶען [אוֹיסְגֶעבְּן] מַיין 'הַאלְבֶּע־מְלוּכָה', אַבִּי אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ 'זוּהְן'"!

אוּן [דֶער 'מֶלֶךְ'] אִיז גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט אִים גֶעבְּרַאכְט [צוּם 'חָכָם'] אַלֶע עֶרְלֵיי 'אֲבָנִים־טוֹבוֹת'!

הָאט דֶער 'חָכָם' זֵיי גֶענוּמֶען – אוּן הָאט זֵיי צוּקְלַאפְּט – אוּן הָאט גֶענוּמֶען אַ 'בֶּעכֶער וַויין' – אוּן הָאט זֵיי אַרַיינְגֶעשִׁיט [דִי דִימַאנְטְן] אִין דֶעם 'וַויין'.

אוּן עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ הַאלְבְּן 'בֶּעכֶער וַויין' [פַאר] דֶעם 'מֶלֶךְ' [צוּ] טְרִינְקְן, אוּן דִי אַנְדֶערֶע הֶעלְפְט [פַאר] דֶער 'מַלְכָּה' – אוּן הָאט צוּ זֵיי גֶעזָאגְט: "אַז זֵיי וֶועלְן הָאבְּן אַ 'זוּהְן', וָואס עֶר וֶועט זַיין דוּרְךְ [אֵינְגַאנְצְן] פוּן 'אֲבָנִים־טוֹבוֹת' – אוּן עֶר וֶועט אִין זִיךְ הָאבְּן אַלֶע 'סְגוּלוֹת' פוּן אַלֶע 'אֲבָנִים־טוֹבוֹת'"!

אוּן [דֶער צַדִיק] אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען!

הָאט דִי 'מַלְכָּה' גֶעהַאט אַ 'זוּהְן'! – אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע 'שִׂמְחָה' אוֹיף דֶעם 'מֶלֶךְ'!

נָאר דֶער 'זוּהְן', אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פוּן 'אֲבָנִים־טוֹבוֹת'!

אַז דֶער 'זוּהְן' אִיז אַלְט גֶעוֶוען פִיר יָאהְר, אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ 'גְרוֹיסֶער־פַּארְשׁוֹין' [יְפֵה־תוֹאַר] – אוּן אַ 'גְרוֹיסֶער־חָכָם' אִין אַלֶע 'חָכְמוֹת' – אוּן הָאט גֶעקֶענְט אַלֶע 'לְשׁוֹנוֹת' [שְׁפְּרַאכְן].

זֶענֶען גֶעפָארְן 'מְלָכִים' אִים זֶעהְן!

אוּן דִי 'בַּת־מַלְכָּה' הָאט גֶעזֶעהְן: "אַז זִי אִיז שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי חָשׁוּב" – הָאט זִי זִיךְ אִין אִים מְקַנֵא גֶעוֶוען – נָאר דָאס אִיז אִיר 'נֶחָמָה' גֶעוֶוען: "בַּאֲשֶׁר [אַז] דֶער 'צַדִיק' הָאט [דָאךְ] גֶעזָאגְט: אַז דֶער זוּהְן וֶועט זַיין גָאר פוּן 'אֲבָנִים־טוֹבוֹת' – גוּט אִיז כָאטְשֶׁע וָואס עֶר אִיז נִישְׁט פוּן 'אֲבָנִים־טוֹבוֹת'"!

אַמָאל הָאט דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' גֶעשְׁנִיצְט 'הָאלְץ' – אוּן הָאט זִיךְ אַ שְׁנִיט גֶעטָאן אִין 'פִינְגֶער' – אִיז דִי 'בַּת־מַלְכָּה' צוּגֶעלָאפְן,

אִים אַרוּמְבִּינְדְן דֶעם ′פִינְגֶער′ – הָאט זִי דָארְט דֶערְזֶעהְן אַ ′אֶבֶן־טוֹב′ – הָאט זִי זִיךְ אִין אִים זֵייעֶר מְקַנֵא גֶעוֶוען.

הָאט זִי זִיךְ גֶעמַאכְט קְרַאנְק.

זֶענֶען גֶעקוּמֶען כַּמָה ′דָאקְטוֹרִים′ – זֵיי הָאבְּן אָבֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אִיר קַיין ′רְפוּאָה′ טָאן.

הָאט מֶען גֶערוּפְן ′מְכַשְׁפִים′.

אִיז דָארְט גֶעוֶוען אַ ′מְכַשֵׁף′ – הָאט זִי אִים אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם ′אֱמֶת′: ″אַז זִי הָאט זִיךְ אַלֵיין גֶעמַאכְט קְרַאנְק, מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶעם ′בְּרוּדֶער′, כַּנַ″ל [ווי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]″.

אוּן זִי הָאט דֶעם ′מְכַשֵׁף′ גֶעפְרֶעגְט: ″אוֹיבּ סְ′אִיז מֶעגְלִיךְ, אַז מְ′זָאל טָאן אַ מֶענְטְשׁ ′כִּישׁוּף′, אַז עֶר זָאל וֶוערְן ′קְרֶעצִיג′″? – הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ″יָא″!

הָאט זִי צוּם ′מְכַשֵׁף′ גֶעזָאגְט: ″[אִיז] טָאמֶער וֶועט עֶר זִיךְ זוּכְן אַ אַנְדֶערֶע ′מְכַשֵׁף′, וָואס עֶר וֶועט מְבַטֵל זַיין דֶעם ′כִּישׁוּף′, אוּן עֶר וֶועט גֶעהֵיילְט וֶוערְן″?

הָאט דֶער ′מְכַשֵׁף′ גֶעזָאגְט: ″אַז [אוֹיבּ] מְ′וֶועט אַרֵיינְוַוארְפְן דֶעם ′כִּישׁוּף′ אִין ′וַואסֶער′ אַרֵיין – וֶועט מֶען שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען אִים [דִי ′כִּישׁוּף′] מְבַטֵל זַיין″!

הָאט זִי אַזוֹי גֶעטָאן – אוּן הָאט אַרֵיינְגֶעוָוארְפְן דֶעם ′כִּישׁוּף′ אִין ′וַואסֶער′ אַרֵיין!

אִיז דֶער ′בֶּן־מֶלֶךְ′ זֵייעֶר קְרֶעצִיג גֶעוָוארְן – עֶר הָאט גֶעהַאט אוֹיף דֶער ′נָאז′ ′קְרֶעץ′, אוּן אוֹיף דֶעם ′פָּנִים′, אוּן אוֹיף דֶעם אִיבְּרִיגְן ′גוּף′.

הָאט זִיךְ דֶער ′מֶלֶךְ′ גֶעפָּארֶעט מִיט ′דָאקְטוֹרִים′, אוּן מִיט ′מְכַשְׁפִים′ – אוּן זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעהָאלְפְן.

הָאט דֶער ′מֶלֶךְ′ גוֹזֵר גֶעוֶוען אוֹיף ′אִידְן′: ″אַז זֵיי זָאלְן מִתְפַּלֵל זַיין″!

הָאבְּן דִי ′יְהוּדִים′ גֶעזוּכְט דֶעם ′צַדִיק′ (וָואס עֶר הָאט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען, אַז דֶער ′מֶלֶךְ′ זָאל הָאבְּן אַ ′זוּהְן′, כַּנַ″ל [ווי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]) – אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעבְּרַאכְט פַאר דֶעם ′מֶלֶךְ′.

אוּן דֶער ′צַדִיק′ פְּלֶעגְט תָּמִיד מִתְפַּלֵל זַיין פַאר ′הַשֵׁם־יִתְבָּרַךְ′: ″כַּאֲשֶׁר [אַז] עֶר הָאט [דָאךְ] צוּגֶעזָאגְט דֶעם ′מֶלֶךְ′, אַז דֶער ′זוּהְן′ זָאל זַיין גָאר פוּן ′אֲבָנִים־טוֹבוֹת′ – אוּן סֶע [סְ′אִיז] נִישְׁט מְקוּיָים גֶעוָוארְן″.

אוּן עֶר הָאט גֶעטַעֲנֶה′ט צוּם ′אֵייבֶּערְשְׁטְן′: ″הָאבּ אִיךְ [דֶען] דָאס גֶעטָאן פוּן מַיין ′כָּבוֹד′ וֶועגְן – אִיךְ הָאבּ זִיךְ דָאס מֶער נִישְׁט גֶעטָאן, נָאר פוּן דַיין ′כָּבוֹד′ וֶועגְן – אוּן הַיינְט אִיז נִישְׁט מְקוּיָים גֶעוָוארְן, אַזוֹי־וִוי אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט″?

אוּן דֶער ′צַדִיק′ אִיז גֶעקוּמֶען צוּם ′מֶלֶךְ′ – הָאט דֶער ′צַדִיק′ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען (דְהַיְינוּ: אוֹיף דִי ′קְרֶעץ′ פוּן דֶעם ′בֶּן־מֶלֶךְ′, אַז עֶר זָאל גֶעהֵיילְט וֶוערְן) – אוּן סְ′הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן.

הָאט מֶען אִים מוֹדִיעַ גֶעוֶוען: ″אַז דָאס אִיז אַ ′כִּישׁוּף′″!

אוּן דֶער ′צַדִיק′, אִיז הֶעכֶער גֶעוֶוען פוּן אַלֶע ′מְכַשְׁפִים′.

אִיז גֶעקוּמֶען דֶער ′צַדִיק′ – אוּן הָאט

מוֹדִיעַ גֶעוֶוען דֶעם ׳מֶלֶךְ׳: ״אַז דָאס אִיז אַ ׳כִּישׁוּף׳ – אוּן אַז מְ׳הָאט דֶעם ׳כִּישׁוּף׳, אִין ׳וַואסֶער׳ אַרַיינְגֶעוָוארְפְן – [בְּמֵילָא] קֶען דֶער ׳בֶּן־מֶלֶךְ׳ אַנְדֶערְשׁ נִישְׁט גֶעהֵיילְט וֶוערְן – סַיידְן אַז מְ׳זָאל אַרַיינְוַוארְפְן דֶעם ׳מְכַשֵּׁף׳ וָואס עֶר הָאט גֶעטָאן דֶעם ׳כִּישׁוּף׳, אִין ׳וַואסֶער׳ אַרַיין״!

הָאט דֶער ׳מֶלֶךְ׳ גֶעזָאגְט [צוּם ׳צַדִיק׳]: ״אִיךְ גֶעבּ דִיר אַלֶע ׳מְכַשְּׁפִים׳, מְ׳זָאל זֵיי אַרַיינְוַוארְפְן אִין ׳וַואסֶער׳ אַרַיין – אַבִּי מַיין ׳זוּהְן׳ זָאל גֶעהֵיילְט וֶוערְן״!

הָאט דִי ׳בַּת־מַלְכָּה׳ מוֹרָא גֶעהַאט – אוּן אִיז גֶעלָאפְן צוּם ׳וַואסֶער׳, אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם ׳כִּישׁוּף׳ פוּן דֶעם ׳וַואסֶער׳ – וָוארְן דִי הָאט גֶעווּאוּסְט וואוּ דֶער ׳כִּישׁוּף׳ לִיגְט.

אִיז זִי אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין ׳וַואסֶער׳ אַרַיין!

אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיס גֶעפִּילְדֶער [רַעַשׁ], וָואס דִי ׳בַּת־מַלְכָּה׳ אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין ׳וַואסֶער׳ אַרַיין.

אִיז גֶעקוּמֶען דֶער ׳צַדִיק׳, אוּן הָאט גֶעזָאגְט: ״אַז דֶער ׳בֶּן־מֶלֶךְ׳ וֶועט שׁוֹין גֶעהֵיילְט וֶוערְן״!

אִיז עֶר שׁוֹין גֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן – אוּן דָאס ׳צָרַעַת׳ [קְרֶעץ] אִיז פַארְדַארְט [פַארְטְרִיקְנְט] גֶעוָוארְן, אוּן סְ׳אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן – הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשֵׁיילְט גָאר דִי ׳הוֹיט׳ – אִיז עֶר גֶעוָוארְן גָאר פוּן ׳אֲבָנִים־טוֹבוֹת׳ – אוּן הָאט אִין זִיךְ גֶעהַאט אַלֶע ׳סְגוּלוֹת׳ פוּן אַלֶע ׳אֲבָנִים־טוֹבוֹת׳ – (וָוארְן אַז דִי ׳הוֹיט׳ הָאט זִיךְ אִים אָפְּגֶעשֵׁיילְט – הָאט מֶען גֶעזֶעהְן, אַז עֶר אִיז גָאר פוּן ׳אֲבָנִים־טוֹבוֹת׳ – אַזוֹי־וִוי דֶער ׳צַדִיק׳ הָאט גֶעזָאגְט).

# ומנותר קנקנים נעשה נס לשושנים

היינט בחסדי השם עלינו איז גרויס געווארן דעם רבינ׳ס נאמען און מען קען שוין באגעגענען פיל ברסלב׳ער חסידים פון אלע סארטן קרייזן: אשכנזי׳שע און ספרדיש׳ע, חסידיש׳ע און ליטווישע, בלי עין הרע. די אלט-נייע הייליגע וועג איז שוין באוואוסט איבער דער גאנצער וועלט. עס זענען פאראן ברסלב׳ער שולן אין יעדע שטאט און געגנט אז קיין איינער שפירט זיך נישט אליין אין זיין וועג...

...אבער נישט אלעמאל איז דער מצב אזוי געווען. עס זענען געווען יארן וואס מען האט געקענט ציילן די מתפללים אין דעם גרויסן שול מאה שערים מיט די פינגער! די התנגדות איז געווען אזוי געפערליך אז מען פלעגט ווארפן און צורייסן רח״ל דעם רבינ׳ס ספרים, און רודפ׳ן ווער עס האט זיך נאר געוואגט עפעס מקרב צו זיין צום אור. מ׳איז אזוי צוגעוואוינט צו דעם מצב היינט אז קיינער טראכט גארנישט אז א געוואלדיגע נס קומט דא פאר אנטקעגן

די אויגן... ומנותר קנקנים פון די ביסל אידעלעך וואס זענען געשטאנען קעגן דער גאנצער וועלט מיט זייער אמונה אין צדיק מיט א תמימות און תפילה, איז געווארן א נס לשושנים א וואונדערליכע נס פאר אלע אידן די ליכטיגקייט פון צדיק ווערט פארשפרייט מער און מער. נאך אידן לאזן זיך וואקסן זייער בארד און פיאות, נאך אידן הייבן אן זיך צו אויסרעדן פארן אויבערשטן, דער רבינ׳ס ליכט שיינט אויף...

אזוי ווי בימים ההם, אין די צייטן פון די יונים ווען מען האט געוואלט גיין אנצינדן די מנורה איז געווען אסאך קריגלעך שמן צו געפינען אין בית המקדש, אבער זיי זענען נישט געווען לויטער, זיי זענען נישט געווען באזיגלט מיטן חותם פון כהן גדול ווייל די יונים האבן עס מטמא געווען, ביז מען האט געטראפן די קליין קריגלע מיט אביסל לויטערע שמן זית זך, און פון די ביסל האט דער אויבערשטער געמאכט דעם גרויסן נס עס זאל ברענען אכט טעג.

אזוי אויך היינט אין די לעצטע דורות פאר משיח, ווען די וועלט איז פארפלייצט מיט יוני׳שע השקפות און גוי׳שע חכמות, יעדער איינער זוכט א לייזונג צו זיינע פראבלעמען, א גוטע עצה וואס זאל אים ליכטיג מאכן אין פינסטערניש, מען זוכט אזוי ווי די אידן אין בית המקדש אביסל לויטערע שמן, אביסל ריינע דעת, לויטערע השקפה ווי אזוי צו צוגיין צום לעבן, און אויך דא איז דא אסאך "דעת" צו געפינען. יעדער צווייטער שמויגער האט שוין אויסגעטראפן א נייע וועג און אן אויסטערלישע פלאן ווי אזוי צו אויסלייזן דעם מענטש פון אלע זיינע צרות, אבער ס׳איז נישט לויטער, סאיז נישט דער ריינער ציכטיגער אמת, נאר די וואס געבן נישט אויף און בלייבן זוכן ווייטער זיי געפונען, ביי עס געשעט נאכאמאל דער נס פון ׳פך השמן׳, זיי טרעפן צום סוף די קליין פייער׳ל וואס וועט טלוען ביז משיח וועט קומען...

אזוי ווי די ליכט פון חנוכה וואס איז מוסיף והולך, פון אביסל גייט עס מער און מער, אזוי אויך דעם רבינ׳ס זאך אין אנהייב, פאר יארן צוריק האט אויסגעזעהן אזוי ווי א נעבעכדיגע ליכטעלע אין טונקל, איינציגע האבן זיך מקרב געווען, א חסיד אין טבריה איינער אין צפת א צווייטער און ירושלים... נאך אפאר אין פוילן, אין אוקריינע, זיי זענען געווען ווייניג, שוואך, מען האט זיי אנגעקוקט ווי משוגעים, מאדנע מענטשן, ארעמע נרדפים, און אנטקעגן זיי זענען געווען אזויפיל מתנגדים שטארקע און חשוב׳ע מענטשן, אנגענומען איבער דער וועלט, אבער ביסלעכווייז איז די ליכט געווארן גרעסער, מוסיף והולך, נאך א איד, נאך א מקורב, נאך א ליכט צינד זיך אן, אזוי מער און מער מעלין בקודש, און פון די אנדערע זייט איז די התנגדות איז געווארן שוואכער און קלענער, מסרת גיבורים ביד חלשים, ורבים ביד מעטים.

ר׳ לוי יצחק בענדער ז״ל האט דערציילט אז עס זענען געווען אין זיין צייט ווען ער

האט געוואוינט אין אומאן אן א שיעור מתנגדים, גאנצע חסידות'ן וועלכע זענען געווען באוואוסט לאנגע יארן אז זיי שטייען אנטקעגן די וועג פון הייליגן רבי'ן, זיי זענען געווען פיל, גרויס און אנגענומען, אנטקעגן די ביסל צאמגעליבענע חסידים פון דער ברסלב'ער קלויז, אבער צום סוף איז נישט געבליבן קיין סאך פון זיי, ווען די נייע געזעצן פון קאמוניסטן זענען ארויס ליידער קעגן אידישקייט, אזוי אז ער האט ממש געזען מיט די אויגן דעם נס, וויאזוי די קליין אמת'ע ליכט פון רבי'ן הייבט אן צו בליען און שיינען מער און מער.

אזוי אויך האט דער חסיד ר' ישראל בער אדעסער ז"ל דערציילט ווען ער איז שוין געווען קרוב צו הונדערט יאר, אז אין טבריה וואו ער האט געוואוינט, זענען אלע געווען אין זיינע צייטן מתנגדים, בפרט אין דער ישיבה וואו ער האט געלערנט נעבן דעם ציון פון ר' מאיר בעל הנס, מען האט אים פארשעמט און גע'רודפ'ט, ער איז אריבער אזעלכע יסורים וואס מען קען זיך גארנישט פארשטעלן, - זיי האבן מיר נישט געוואלט צאלן חודש געלט פארן לערנען אין כולל, האט ר' ישראל בער דערציילט, "איך האב נישט געהאט קיין ברויט צו געבן פאר די קינדער, אזוי ווייט אז עס איז ליידער נפטר געווארן ביי מיר א קינד פון הונגער רח"ל, אבער דער באשעפער האט מיר געגעבן אייזערנע כוחות און די וועג פון רבי'ן האב איך נישט אפגעלאזט! אבער היינט געלויבט דעם באשעפער זע איך וואס עס איז געווארן צום סוף, איך זיץ דא מיט תלמידים, איך רעד פון רבי'ן, איך לעב א חיים טובים... פון זיי איז ליידער קיין סאך נישט געבליבן!...

דער רבי זאגט ימי חנוכה הם ימי הודאה די טעג פון חנוכה איז א צייט פון דאנקען און לויבן דעם אויבערשטן אזוי ווי עס שטייט: 'וקבעו שמונת ימי חנכה אלו להודות ולהלל' דעריבער איז חנוכה א גוטע צייט זיך צו דערמאנען די חסדים וואס דער באשעפער האט געמאכט מיט אונז, יעדער איינער וויפיל ער איז זוכה צו זעהן, שהבדילנו מן הטועים, ער האט אונז געראטעוועט פון אלע סארטן פארקרומטע וועגן, און געלויבט ה' יתברך אז מיר קריגן זיך נישט אויף דער אמת'ער צדיק, מיר האבן עפעס א פארבינדונג צום אור. נאר אויף דעם אליין דארף מען טאנצן און לויבן דעם באשעפער, ר' נתן שרייבט אז די ליכט פון חנוכה איז נישט נאר פאר די חנוכה טעג, נאר יעדע ליכטעלע וואס מען צינדט אן חנוכה, צינדט אן א גייסטישע ליכט וואס לייכט אויף דעם איד אויף א גאנצע יאר! דאס ווארט "נחל" זאגט ר' נתן, איז ראשי תיבות ל"הדליק נ"ר ח"נוכה - נאר מיטן כח פון דעם נחל נובע מקור חכמה דער הייליגער רבי קען מען אנצינדן די ליכט, זיך באנייען און ליכטיג מאכן דאס לעבן.

אט אויף דעם נס דאנקען מיר און לויבן דעם באשעפער אין די טעג, על הניסים ועל הנפלאות, על הישועות ועל הנחמות שעשית לאבותינו בימים ההם - בזמן הזה.

מקור דיבורים פון ר' נתן: ליקוטי הלכות אורח חיים הלכות סעודה הלכה ה ליקוטי הלכות אורח חיים הלכות ברכת הודאה הלכה ו

**דער רבי לערנט אונז אז וויפיל א מענטש בעט פון באשעפער 'סלח נא' אין טאג פון יום כיפור, אזוי איז ער זוכה צו פילן מער די הייליגקייט פון חנוכה.**

## וויפל מאל קענסטו געפינען די ווערטער "סלח נא" אין דעם קעסטל?



| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ס | ס | ל | א | ס | נ | ס | ס | ס |
| ס | ל | ח | נ | א | ל | ל | ל | ל |
| ל | ח | ח | ס | א | ס | ח | ח | ח |
| א | נ | ס | נ | א | א | נ | נ | נ |
| ס | א | ח | נ | א | נ | א | א | א |
| ס | ל | ח | נ | א | ח | נ | ח | ס |
| ס | ל | ח | ל | א | ל | ח | נ | א |
| ס | ל | ח | נ | א | ס | ל | ל | נ |
| ס | ל | ח | נ | א | ח | ס | ס | א |






וועלכע דריי זאכן זאגט אויף
דעם דער הייליגער רבי אז
ס'איז א "מצוה גדולה"?

אויף וועלכע צוויי זאכן
דריקט זיך דער רבי אויס
מיטן לשון:

"איך בין שטארק מיט אלע
מיינע זאכן אבער אין דעם
ענין בין איך שטערקער??

חנוכה איז דער זמן פון
דאנקען און לויבן השם
יתברך פאר אלע גוטע
זאכן,
ווען קומט אויס אז מען
זאגט חנוכה אבינו מלכינו
ביים בענטשן?

# אַ פְּלַאם פַייעֶרְדִיגֶער חָסִיד

דֶער רָב, ר׳ מָרְדְכַי סָאקָאלָאבֶ׳ער אִיז גֶעוֶוען אַ גָאוֹן וְצַדִיק, אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חָסִיד. אֵיינְמָאל בַּיי זַיין נְסִיעָה קַיין אוּמַאן הָאט פַּאסִירְט אַזַא מַעֲשֶׂה:

"אַ פַייעֶר! אַ פַייעֶר! עֶס בְּרֶענְט!" הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט קוֹלוֹת און גֶעשְׁרֵייעֶן צְווִישְׁן דִי רוּסִישֶׁע פּוֹיעֶרְן אִין אוּמַאן. "וָואס גֵייט דָארְט פָּאר?!"

נִישְׁט וַוארְטְנְדִיג אוֹיף קַיין עֶנְטְפֶער הָאבְּן דִי פּוֹיעֶרְן אַלֶע אִינְאֵיינֶעם גֶעהוֹיבְּן פִּיס צוּם רִיכְטוּנְג פוּן וואוּ דִי פַייעֶר לִיכְטִיגְקַייט הָאט אַרוֹיסְגֶעשַׁיינְט. זֵייעֶרֶע פִּיס הָאט זֵיי גֶעפִירְט צוּם דֶערְנֶעבֶּנְדִיגֶער בֵּית הַקְבָרוֹת וואוּ עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶער צִיוּן פוּן דֶער רַאבִּינֶער, רֶבִּי נַחְמָן.




מִיט יֶעדְן טְרִיט זֵייעֶרֶע אִיז זֵיי אַלְץ קְלָארֶער גֶעוָוארְן אַז עֶס גֵייט אַרוֹיס בְּרֶענֶעדִיגֶע פוּנְקֶען פוּנֶעם צִימֶער דָארְט אִינְדֶערְמִיט - דֶער אֹהֶל פוּן ר׳ נַחְמָן. זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַלֶע זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן. דֶער פַייעֶר קֶען זִיךְ נָאךְ

צֶעשְׁפְּרַייטְן אִיבֶּערְן שְׁטָאט אוּן אֵיינְנֶעמֶען זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע כַּאטְקֶעס. פְּלִינְק זֶענֶען זֵיי גֶעלָאפְן בְּרֶענְגֶען עֶמֶערְס וַואסֶער צוּ פַארְלֶעשְׁן דָאס פַייעֶר. דִי גוֹיִם זֶענֶען גֶעוואוֹינְט גֶעוֶוען צוּ הֶערְן דִי קוֹלוֹת פוּן תְּפִלָּה וָואס קוּמְט אָפְּט אַרוֹיס פוּן דֶעם שְׁטִיבְּל, אָבֶּער אַזַא סָארְט זַאךְ? אֶפְשָׁר אִיז דָאס דִי נֵר-שֶׁמֶן וָואס הֶענְגְט הֶעכֶערְן צִיּוּן אוּן דָאס הָאט זִיךְ אָנְגֶעכַאפְּט אִין דִי פַייעֶר פַארְשְׁפְּרֵייט זִיךְ אַרוּם?

זֵיי קוּמֶען אָן צוּם טִיר, שְׁלֶעפְּנְדִיג וַואסֶער, אָבֶּער דִי טִיר אִיז פַארְמַאכְט, פַארְשְׁלָאסְן אִין רִיגְל. עֶס אִיז דָארְט גֶעוֶוען אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער טִיר, אַז פְרֶעמְדֶע עֶלֶעמֶענְטְן זָאלְן נִישְׁט שְׁפִּירְן אַנְגֶענֶעם צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען אִין דֶעם הֵיילִיגְן קֶבֶר. דִי פּוֹיעֶרְן הָאבְּן בְּלֵית בְּרֵירָה אוֹיפְגֶעבְּרָאכְן דֶעם טִיר.

זֵיי גֵייעֶן שְׁנֶעל אַרֵיין, עֶס אִיז שַׁא שְׁטִיל, דִי נֵר נְשָׁמָה, בְּרֶענְט שֵׁיין אוּן אֵיידְל, פוּן וואוּ אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דָאס פַייעֶר? זֵיי קוּקְן זִיךְ אוּם אוּן בַּאמֶערְקְן גְלַייךְ דֶער אִיד. עֶר לִיגְט אוֹיפְן צִיּוּן אִינְגַאנְצְן דָבוּק אִין אַן אַנְדֶערֶע וֶועלְט.

וֶוער אִיז גֶעוֶוען דֶער אִיד? נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶער ווִי ר׳ מָרְדְכַי סָאקָאלָאבֶער זַ״ל, דֶער חָשׁוּבֶ׳ער רָב. עֶר הָאט יֶעצְט גֶעמַאכְט אַ הִשְׁתַּטְחוּת אוֹיפְן הֵיילִיגְן צִיּוּן. עֶר אִיז בַּאהָאפְטְן צוּ זַיין רֶבִּי׳ן מִיט אַזַא סָארְט קֶשֶׁר אַז עֶס גֵייט אַרוֹיס אַזָאנֶע בְּרֶענֶענְדִיגֶע פוּנְקֶען פוּן צִיּוּן!

דִי מַעֲשֶׂה הָאט בַּאקוּמֶען פְלִיגְלֶען. דִי גוֹיִם הָאבְּן פַארְצֵיילְט פַאר זֵייעֶרֶע שְׁכֵנִים וָואס זֵייעֶרֶע אוֹיגְן הָאבְּן אַלֵיין בַּייגֶעוואוֹינְט, אַ רַאבִּינֶער וָואס גִיבְּט אַרוֹיס אַזַא סָארְט לִיכְטִיגְקַייט...

אוֹיפְצוּמָארְגְנְס זֶענֶען דִי גוֹיִם גֶעקוּמֶען צוּם קְלוֹיז בֶּעטֶענְדִיג פוּן דֶעם רַאבִּינֶער עֶר זָאל זֵיי אָנְוואוּנְטְשְׁן אוּן אוֹיךְ זֵייעֶרֶע קְרוֹבִים וֶועלְכֶע זֶענֶען קְרַאנְק, דֶערְבַּיי לֵייגְן זֵיי צוּ אַ פִּדְיוֹן, עֶטְלִיכֶע רוּבָּל אַז דֶער צַדִיק זָאל זֵיי אָנְוואוּנְטְשְׁן רְפוּאוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת.

דִי פַּאסִירוּנְג הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ גְרוֹיס קִדוּשׁ הַשֵׁם סַיי בַּיי דִי אִידְן אוּן אוֹיךְ לְהַבְדִיל בַּיי דִי גוֹיִם פוּן שְׁטָאט אוּמַאן.




טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוען מִיר זִיצְן בַּיי דִי לִיכְטֶעלֶעךְ דִי אַכְט טֶעג פוּן חֲנוּכָּה, נֶעמְט אִין אַכְט אַז אִין דִי פְלֶעמֶעלֶע וָואס מִיר זֶעעֶן פַאר דִי אוֹיגְן אִיז נָאךְ אַסַאךְ טִיפֶערְס וָואס אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן קֶענֶען זֶען. וֶוען מִיר עֶפֶענֶען אוֹיף אַ סֵפֶר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן לִיגְט אוֹיף דִי בְּלֶעטֶער אַ לִיכְט וָואס מִיר קֶענֶען נִישְׁט זֶען מִיט פְלֵיישִׁיגֶע אוֹיגְן, אָבֶער אוּנְזֶער נְשָׁמָה זֶעט, אוּן נָאךְ וִוי זִי זֶעט אוּן שְׁפִּירְט אוּן בַּאקוּמְט אַ לִיכְט, אַ וַוארֶעמְקֵייט, אַ דֶערְהוֹיבְּנְקֵייט, אַז זִי וַוארְפְט אַוֶועק אַלֶע סָארְטְן פַאלְשֶׁע שֵׁיינְקַייטְן אוּן בְּלִיצִיגֶע קָאלִירְן מִיט וָואס דִי גַאס וִויל אוּנְז פַארְנַארְן.

לָאמִיר אַ קְלֵיין תְּפִלָּה טוּן בַּיי דִי מְנוֹרָה. "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִין בְּרֶסְלֶב בְּרֶענְט אַ פַייעֶר, הֶעלְף מִיר טַאטֶע עֶס זָאל אַרַיינְשַׁיינֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס פַייעֶר אִין מַיין הֶערְצֶעלֶע אַרַיין!"



# דעם רבינ'ס משלים

אַ קֶענִיג הָאט אַמָאל זִיךְ גֶעבּוֹיט אַ פַּאלַאץ, דֶער קֶענִיג הָאט גֶערוּפְן צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי בַּאפוֹילְן זֵיי זָאל אוֹיסְמָאלְן זַיין נַייעֶ פַּאלַאץ. עֶר הָאט צֶעטֵיילְט דֶעם פַּאלַאץ אוֹיף צְוֵויי טֵיילְן, דָאס הֵייסְט, אַז אֵיין חֵלֶק זָאל לִיגְן אוֹיף אֵיין מֶענְטְשׁ צוּ אוֹיסְמָאלְן אוּן דָאס צְווייטֶע טֵייל פַארְן צְווייטְן מֶענְטְשׁ.

דֶער קֶענִיג הָאט בַּאשְׁטִימְט אַ צַייט, אַז בִּיז דֶעם בַּאשְׁטִימְטְן זְמַן לִיגְט אוֹיף זֵיי אַ פְלִיכְט צוּ עֶנְדִיגְן דִי אוֹיפְגַאבֶּע פוּן מָאלְן. דִי צְוֵויי זֶענֶען זִיךְ גֶעגַאנְגֶען יֶעדֶער אִין זַיין וֶועג. אֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט זִיךְ גְלַייךְ גֶענוּמֶען צוּ דֶער אַרְבֶּעט, עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעפְּלָאגְט אוּן זִיךְ גֶעגַאנְגֶען גוּט גוּט אוֹיסְלֶערְנֶען דִי פַאךְ פוּן מָאלֶערַיי, בִּיז עֶר הָאט הֶערְלִיךְ אָפְּגֶעמָאלְן זַיין טֵייל וָואס אִיז גֶעלֶעגְן אוֹיף אִים צוּ עֶנְדִיגְן, עֶר הָאט דָארְט אוֹיסְגֶעקְרִיצְט אַלֶע סָארְטְן חַיּוֹת אוּן פֵייגְלֶען מִיט הֶערְלִיכֶע פַּאנַאראַמֶעס.

דֶער צְווייטֶער הָאט נִישְׁט אִינַאכְט גֶענוּמֶען דֶעם קֶענִיגְס בַּאפֶעל אוּן זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעפְּאָרֶעט מִיט זַיין אוֹיפְגַאבֶּע. וֶוען דִי בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט צוּ עֶנְדִיגְן זַייעֶר אַרְבֶּעט אִיז אָנְגֶעקוּמֶען, דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט שׁוֹין גֶעפַארְטִיגְט זַיין אַרְבֶּעט אוּן קוּנְסְטְוֶוערְק, מִיט הֶערְלִיכֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע מָאלֶערַייעֶן, אוּן דֶער צְווייטֶער קוּקְט זִיךְ אַרוּם אוּן פְרֶעגְט זִיךְ, "מִיט וָואס הָאבּ אִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעפִירְט דִי צַייט, מִיט פּוּסְטֶע נַארִישְׁקַייטְן? אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט צוּם קֶענִיגְס בַּאפֶעל?".

זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען הֵייבְּן אָן פִּיבֶּערְן מִיט אַלֶע סָארְטְן מַחֲשָׁבוֹת וָואס עֶר קֶען יֶעצְט טוּן? זִיכֶער אִין אַזַא קוּרְצֶע צַייט אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ זִיךְ אוֹיסְצוּלֶערְנֶען אַזַא שְׁוֶוערֶע פַאךְ צוּ מָאלְן שֵׁיינֶע מָאלֶערַייעֶן, אוּן צוּעֶנְדִיגְן זַיין חֵלֶק אִינֶעם פַּאלַאץ פוּנֶעם קֶענִיג.

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען קוֹיפְן אַזַא סָארְט פַארְבּ וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "פָּאקוּסְט", דָאס אִיז





# דעם רבינ'ס משלים

אַזאַ גֶעדִיכְטֶע שְׁוואַרְצֶע קָאלִיר, מִיט דֶעם הָאט עֶר אָנְגֶעשְׁמִירְט דִי גַאנְצֶע וַואנְט וואוּ עֶר וָואלְט דָארְט גֶעדַארְפְט מָאלְן זַיין חֵלֶק. דִי פָּאקוּסְט אִיז גֶעוֶוען פּוּנְקְט וִוי אַ שְׁפִּיגְל וואוּ מֶען הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט זֶען דֶערִין וִוי אַ שְׁפִּיגְל. נָאכְן אָפְּשְׁמִירְן הָאט עֶר אָנְגֶעהָאנְגֶען אַ פוּרְהַאנְג אוּן פָּארְנְט פוּן זַיין טֵייל אוּן זַיין חַבֵרְ'ס טֵייל.

וֶוען דֶער בַּאשְׁטִימְטֶער טָאג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען, אִיז דֶער קֶענִיג גֶעקוּמֶען זֶען דִי שֵׁיינֶע וֶוערְק וָואס זֵיי הָאבְּן צוּגֶעשְׁטֶעלְט אִין דִי טֶעג. דֶער קֶענִיג זֶעט דֶעם עֶרְשְׁטְנְס חֵלֶק וואוּ עֶס אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעמָאלְן הֶערְלִיכֶע פַּאנַארַאמֶעס אוּן קוּנְסְטְסְוֶוערְק גֶעצֵייכְנְט אוֹיף אַ וואוּנְדֶערְלִיכְן אוֹפֶן. אִינֶעם צְוֵוייטְן זַייט הָאט גֶעהָאנְגֶען אַ פוּרְהַאנְג פוּן אוּנְטֶערְדֶעם אִיז גֶעוֶוען שְׁטָאק פִינְסְטֶער.

דֶער צְוֵוייטֶער קוּמְט צוּ גֵיין אוּן עֶפְנְט אוֹיף דֶעם פוּרְהַאנְג, דִי זוּן הָאט אַרַיינְגֶעשַׁיינְט אוּן אַלֶע מָאלֶערַייעֶן פוּן צְוֵוייטְן זַייט הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּיגְלְט אוֹיף זַיין זַייט, ווייל דֶער פָּאקוּסְט הָאט גֶעשַׁיינְט וִוי אַ שְׁפִּיגְל, הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעשְׁפִּיגְלְט אַלֶע פֵייגְלֶעךְ אוּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע קוּנְסְטְוֶוערְק, דָאס אַלֶעס הָאט מֶען יֶעצְט גֶעזֶען אוֹיף זַיין חֵלֶק. נָאךְ מֶער פוּן דֶעם, אַלֶע מֶעבְּל אוּן שֵׁיינֶע כֵּלִים וָואס דֶער קֶענִיג הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין פַּאלַאץ, הָאט מֶען יֶעצְט גֶעזֶען אוֹיף דֶעם זַייט, אוּן וָואס דֶער קֶענִיג וֶועט שְׁפֶּעטֶער בְּרֶענְגֶען אִין פַּאלַאץ וֶועט מֶען אוֹיךְ זֶען אוֹיף דֶעם וַואנְט. **אִיז עֶס דֶעם קֶענִיג זֵייעֶר גֶעפָאלְן...**

(מֶער פוּן דֶעם גֶעדֶענְק אִיךְ נִישְׁט), דָאס אַלֶעס הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס מוֹיל: (חיי מוהר"ן צ"ח)





# לאמיר זיך פארהערן

## בֶּן הַמֶּלֶךְ שֶׁהָיָה מֵאֲבָנִים טוֹבוֹת

**א. וואס האט דער מלך גוזר געווען אויף די אידן?**
- ❑ אז זיי זאלן ברענגען א צדיק וואס זאל פאר אים דאווענען
- ❑ אז זיי זאלן אים ברענגען א חכם וואס זאל פאר אים דאווענען
- ❑ אז זיי זאלן פאר אים דאווענען

**ב. וואס האט ער זיי געענטפערט ווען זיי האבן געבעטן צו דאווענען?**
- ❑ אז ער וועט דאווענען
- ❑ אז דער מלך וועט האבן קינדער
- ❑ ער ווייסט גארנישט

**ג. וואס האט די מלכה דעמאלט געבוירן?**
- ❑ א זון
- ❑ א טאכטער
- ❑ א זון און א טאכטער

**ד. וואס האט די בת מלכה געקענט ווען זי איז געווען פיר יאר?**
- ❑ אלע חכמות
- ❑ שפילן אויף כלים
- ❑ אלע חכמות און אלע לשונות און שפילן אויף כלים

**ה. וואס האט דער מלך נאכדעם גוזר געווען אויף די אידן?**
- ❑ אז זיי זאלן ברענגען א צדיק וואס זאל אויף אים דאווענען ער זאל האבן א זון
- ❑ אז זיי זאלן אים ברענגען א חכם וואס זאל אויף אים דאווענען ער זאל האבן א זון
- ❑ אז זיי זאלן אויף אים דאווענען ער זאל האבן א זון

**ו. וואס האט ער זיי געענטפערט ווען זיי האבן געבעטן צו דאווענען?**
- ❑ אז ער וועט דאווענען
- ❑ אז דער מלך וועט האבן א זון
- ❑ ער ווייסט גארנישט

**ז. וואס האט דער חכם געזאגט פאר דעם מלך?**
- ❑ אז ער זאל ברענגען אלע אבנים טובות
- ❑ אז ער זאל ברענגען א אבן טובה
- ❑ אז ער זאל ברענגען פערל שטיינער

**ח. וואס זאגט דער חכם? וואס וועט זיין מיט זייער זון וואס זיי וועלן געבוירן?**
- ❑ ער וועט זיין פון אבנים טובות
- ❑ ער וועט האבן אין זיך אלע סגולות פון אלע אבנים טובות
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ט. וואס האט די בת מלכה געזען ווען זי האט אים ארום געבונדן?**
- ❑ א אבן טוב
- ❑ א פערל שטיין
- ❑ אבנים טובות

**און האט אין זיך געהאט אלע סגולות פון אלע אבנים טובות - מיט פיל הצלחה**



טיפער בעטראכט

**פון וועלכע מדה לערנען מיר זיך פון די מעשה אז מען דארף זיך זייער דערווייטערן?**
**וואס האט דער מלך גוזר געווען אויף די אידן? וויפיל מאל האט דער מלך גוזר געווען?**
**און וואס האבן די אידן געטון?**

(לעצטע וואך האט געפעלט סוף פון די מעשה די רמזים, אזוי אויך איין שאלה איז געווען דער ענטפער נאר אין די לשון הקודש. וואו עס ווערט דערמאנט אווארט אין די פרשיות פון בראשית וואס איז אויך געשטאנען אין די מעשה? **וַתִּפָּעֶם רוּחוֹ** אין פרשת מקץ.

וועלכע מדה דארף מען זיך דערווייטערן? **כעס**

וואו איז מרומז אין תהילים ציצית און תפילין? "נְנַתְּקָה אֶת מוֹסְרוֹתֵימוֹ", - **תְּפִלִּין.** "עֲבוֹתֵימוֹ", - **צִיצִית,** - " עִבְדוּ", זֶה **צִיצִית.** " בְּיִרְאָה", זֶה **תְּפִלִּין.** (תהילים ב')

## די געווינער וועט מען מפרסם זיין בעז"ה קומענדיגע וואך

**צו ענטפערן די בחינות און ארייגגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**




**א ווארימע תפילה אויף חנוכה.** העלף מיר טאטע צו מקיים זיין די מצוה פון חנוכה ליכט ווי עס דארף צו זיין, מיט אלע פרטים און דיקדוקים און כוונת. און צו מקיים זיין אלע מצות פון חנוכה מיט א גרויס שמחה, דיר צו דאנקן און לויבן און דיר בענטשן, זאגן גאנץ הלל מיט גרויס פרייד און התעוררות מיט גרויס קדושה און טהרה. און זוכה זיין צו ממשיך זיין באמת אלעמאל אויף אונז די שעשועים פון עולם הבא, וואס דאס מיינט דאנקן צו דיין גרויסן נאמען, בפרט אין ימי חנוכה.

(ליקוטי תפלות ב' תנינא)

© cover picture by: Yosef Goldshmidt